## במעמד האדיר 'לשמור ולעשות' לעורר על סכנת הטעכנאלאגיע

יום א' פרשת קרח תשע"ג לפ"ק - בעיר וויליאמסבורג

**דער** נביא זאגט, תקעו שופר בציון, קדשו צום, קראו עצרה (יואל ב-טו). דער נביא רופט אויס, יודען זאלן זיך צוזאם קומען, מען זאל אויס רופן און זיך גרייטן צו אן עצרה, אספו עם קדשו קהל. און ער זאגט נאכדעם ווייטער, בין אולם ולמזבח יבכו הכהנים משרתי ה', די כהנים וואס זענען משרתי ה' שטייען צווישן דעם אולם און מזבח און זיי וויינען, ויאמרו חוסה ה' על עמך, רבונו של עולם האב רחמנות אויף דיין פאלק, ואל תתן נחלתך לחרפה, זאלסט נישט געבן דיין נחלה צו שאנד, למשל בם גויים, אז די גויים זאלן אויף זיי מושל זיין.

**מיר** שטייען דא יעצט אין א זמן וואס איז א געוואלדיגער עת רצון אויבן אין הימל, מען קען זיך נישט פארשטעלן די געוואלדיגע השראת השכינה וואס געפינט זיך דא אויף די פלאץ, ווען עס קומען זיך צוזאם טויזענטער יודען זיך מתחזק און מתעצם זיין בקדושתן של ישראל. די הארץ שרייט אויס 'מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ', ווי איז נאך דא אזא פאלק אויף דער וועלט ווי יודען, א 'ממלכת כהנים וגוי קדוש', ווי געפינט זיך נאך אזא פלאץ אין דער וועלט ביי אומות העולם, ווי מען זאל זיך צוזאם קומען אפילו נאר רעדן וועגן אזא סארט ענין וואס אונז קומען זיך צוזאם. זיי זענען אויך מצווה אין די שבע מצות, וואס דאס איז אויך אין כלל פון זייערע שבע מצות, און דעסטוועגן דאך איז ביי זיי דאס מותר און מען רעדט נישט דערפון, ביי אונז איז דאס די יסודות פון קדושה, וואס יודען קומען זיך צוזאם הערן דעם דבר ה'.

**די** השראת השכינה וואס געפינט זיך יעצט דא ביי אונז, איז א צייט וואס איז מסוגל פאר יעדן איינעם ער זאל קענען אויף זיך מקבל זיין קבלות טובות. און מיר ווילען אנהייבן מיט א תפלה צום אייבערשטן, בין אולם ולמזבח יבכו הכהנים משרתי ה', גדולי ישראל קומען זיך צוזאם און מען וויינט, ויאמרו חוסה ה' על ישראל עמך, דער רבונו של עולם זאל רחמנות האבן אויף אונז, אונזערע נסיונות זענען אזוי שטארק אז עס איז שווער עומד צו זיין דעריין. אל תתן נחלתך לחרפה, דער רבונו של עולם זאל נישט געבן עס זאל ווערן פון אונז א חרפה, למשל בם גויים, די אינטערנעט וואס עס קומען זיך דארט צוזאם אלע תועבות פון אלע גויים פון די גאנצע וועלט, וואס עס טוט צוציען דעם מענטש מיט א געוואלדיגע רעפעניקרייט איהם אראפצושלעפן לעומקי תהום. אל תתן נחלתך לחרפה, רבונו של עולם געב נישט דיין פאלק לחרפה למשול בם גויים, אז די גויים זאל קענען האבן אויף אונז א ממשלה, נאר מיר זאלן זיך קענען גובר זיין ווייטער אויך צו זיין א גוי קדוש פאר'ן אייבערשטן.

**און** דער נביא איז ממשיך און ער זאגט נאכדעם, עס איז געווען דארט א גזירה אויף א עונש פונעם אייבערשטן, זאגט ער 'וגם עתה' אפילו יעצט ווען מען האלט שוין נאך די גזירה, נאום ה', זאגט דער אייבערשטער, שובו עדי בכל לבבכם, קערט ענק צוריק צו מיר מיטן גאנצן הארץ, וקרעו לבבכם ואל בגדיכם, צורייסט ענקערע הערצער און נישט ענקערע קליידער, ושובו אל ה' אלקיכם, קערטס ענק צוריק צום אייבערשטן, כי חנון ורחום הוא, דער אייבערשטער איז א חנון ורחום, ארך אפים ורב חסד ונחם על הרעה. רש"י טייטשט אויפן פלאץ, קרעו לבבכם ואל בגדיכם, רייסט ענק ענקערע הערצער, וועט עטץ נישט דארפן צורייסן ענקערע קליידער און קלאגן.

**אז** מען וויל נישט צורייסן די קליידער אויף די פארלוסט פון אונזערע קינדער, מיר ווילן נישט פארלירן אונזערע קינדער און רייסן קריעה אויף זיי, קרעו לבבכם, דארף מען זיך צורייסן דאס הארץ אליין, אז מען זאל נישט דארפן

צורייסן שפעטער אונזערע קליידער וועגן אונזערע דורות.

*

**די מגפה פון אינטערנעט איז דאך איום ונורא, און מ'האט שוין פריער געהערט דאס ארויסברענגען און מען דארף דאס נישט איבערחזר'ן, עס האט שוין אוועקגעריסן פון אונז רבים וטובים, טויזענטער פון כלל ישראל זענען אוועקגעפאלן לבאר שחת לשאול תחתית, קינדער האבן איבערגעלאזט די שטובער פון זייערע עלטערן, טאטעס האבן איבערגעלאזט די ווייבער מיט די קינדער, און זיי אלע דרייען זיך ארום אין א עולם התוהו, אין א וועלט פון א גוף אן א נשמה, אומצופרידענע מענטשן, זיי זענען נישט גליקליך מיט דעם וואס זיי זענען אוועקגעגאנגען פון די טאטעס שטובער. קיינער פון די מענער זענען נישט גליקליך נאכדעם וואס זיי האבן איבערגעלאזט די ווייב און קינדער, זייער הארץ איז צוריסן, זיי געפינען נישט ביי זיך קיין טרייסט. א קינד לאזט איבער די שטוב פון א טאטע, ער לאזט איבער זיינע חברים, איז ער נעבעך א אומגליקליכער מענטש, ער איז א מר נפש, ער איז א פארביטערטער, אזוי דרייט ער זיך, און פון פארביטערקייט טוט ער זאכן וואס ער וואלט קיינמאל נישט געהאלטן ביים טון. - א טאטע וואס פארלירט ווייב און קינדער, איז א צובראכענע כלי, וואס מען קען עס גארנישט פאררעכטן, ער האט אנגעמאכט פאר זיך א שאדן וואס וועט אים באגלייטן דאס גאנץ לעבן.**

**טייערע ברודער! קיינער פון אונז ווייסט נישט אויב ער, אדער זיינע זון, אדער זיינע טעכטער, וועלן חס ושלום נישט צוקומען צו זיין אין אזא מצב אזוי ווי פון די וואס מען האט גערעדט. די אלע וואס זענען אוועקגעגאנגען פון אונז, און האבן אוועקגעגליטשט, האבן קיינמאל נישט געחלומ'ט, עס איז זיי קיינמאל נישט איינגעפאלן, אז זיי וועלן האבן אזא ירידה צו וואס זיי זענען צוגעקומען. אבער די תאוות היצר אין די ענינים איז זייער גרויס, ער איז זיך מתגבר אויפ'ן מענטש, כמעט אז מען פארלירט דעם כח פון שליטה. ווען איינער טוט זיך צוטשעפען צו די כלים קען ער נישט שולט זיין אויף זיך, רשעים ברשות לבם, ער איז נישט קיין בעל הבית אויף זיך, אנת נורא ואנא בישרא, דער יצר הרע איז פייער, און אונז זענען נישט מער ווי א בשר ודם.**

**יעדער** פון אונז ווייסט, בעפאר מען האט ערפינדן די פילטער'ס איז דאך שוין געווען אינטערנעט, ווער עס האט געהאט א שייכות מיט די כלים, אפילו ער איז געווען א שומר תורה ומצות, אבער זיין ברען פאר אידישקייט איז אפגעקילט געווארן, ער איז געווארן א האלבער איד פון דעם וואס ער איז געווען בעפאר ער האט צוגערירט צו די אינטערנעט.

**מיר** זענען אלע ערצויגן געווארן אין הייליגע שטובער, געלערנט אין תלמוד תורה'ס, הייליגע ישיבות, אונזערע יונגע יארן וואס מיר האבן געהאט איז געווען פיל מיט קדושה, ווען עס איז געקומען פאר א יוד א בילד א תמונת תועבה פאר זיינע אויגן, האט אים אנגעכאפט א ציטער, ער האט נישט געדארפט ווארטן קיין רגע, פון זיך אליין האט ער זיך פארמאכט די אויגן און זיך אוועקגעדרייט דערפון, אן דעם וואס ער זאל דארפן האבן מסירת נפש דערויף. ליידער היינט איז די מצב נישט אזוי, ער ציטערט שוין נישט ווען עס קומט איהם ארויף א זאך וואס ער דארף נישט צוזעהן, און דאס איז שוין ביי די ערליכע און די גוטע וואס דרייען זיך אוועק שפעטער, אבער די ציטער וואס ער האט געהאט פעלט איהם שוין. און וואס איז נאך געווארן פון די וואס זענען אינגאנצן אוועק געגאנגען, זיי האבן איבערגעלאזט א מקור מים חיים, לחצוב בורות נשברות.

**חז"ל** זאגן אונז (סוכה נב.) יצר הרע בתחלה דומה לחוט של בוכיא, אין אנהייב איז דער יצר הרע אזוי שוואך ווען ער קומט צום מענטש, אזוי ווי א חוט של בוכיא, טייטשט רש"י א שפינען וועבעכטס, אזוי דין איז דער יצר הרע, מען קען זיך גרינג מתגבר זיין אויף איהם, לבסוף ווען דער מענטש פאלט אריין אינעם יצר הרע, איז דומה כעבותות העגלה, ווערט אויף אים נתגבר דער יצר הרע אזוי ווי א דיקע שטריק וואס מען

קען אים נישט צוצונעמען. א קורי עכביש קען מען מיט איין ריר עס צו צוברעכן, אבער נאכדעם ווען ער ווערט אדוק דערין, עס ווערט נאכדעם כעבותות העגלה, קען מען זיך נישט קיין עצה געבן. - **די כלי איז אין אנהייב א 'וועב', נישט מער ווי א שפינען וועבעכטס, אבער נאכדעם ווערט ער א 'נעט', ער ווערט א נעץ וואס כאפט אריין דעם מענטש, וואס ער קען פון דארט נישט ארויסקומען.**

**מיר דארפן זיך בארעכענען, אויב א מענטש וועט נישט מאכן פאר זיך יעצט א שטארקן גדר אז זיין שטוב זאל זיין א ריינע שטוב, ווי אזוי וועט ער אליין אויסקוקן אין א פאר יאר ארום, ווי אזוי וועלן זיינע קינדער אויסזעהן. ווי וועט איהם זיין איינגענעם צו נעמען א שטיקל ברויט אין מויל אריין ווען ער ווייסט אז זיין קינד דרייט זיך ארום אינדרויסן, אן בארד און פיאות! א מחלל שבת! געפינט זיך אין אלע מבואות המטונפות!, ווי האבן מיר נישט דעם אחריות אויף אונז יעצט אפצוהיטן אונזערע שטובער, מיר דארפן הייליגע שטיבער ווייל מיר ווילן האבן ערליכע אידישע דורות. יעצט איז די צייט וואס מיר דארפן מאכן די גדרים און סייגים, ביז ווילאנג מיר האבן נאך די קינדער אין שטוב.**

**וויפיל טאטע'ס און מאמע'ס איז דא וואס שלאפן נישט ביינאכט, זיי טוען זיך וואלגערן אין צער, וואס איז געווארן מיט זייערע קינדער. וויפיל טאטע'ס האבן מיר געזאגט, עס איז מיר מער באליבט אז מיין קינד זאל שטארבן, אדער איך זאל אוועק גיין פון דער וועלט, ווי איך זאל דארפן צוקוקן וואס איז געווארן מיט מיינע קינדער, דער אויבערשטער זאל אפהיטן. וויפיל צובראכענע שטיבער איז דא, זייט דער חורבן פון דעם אינטערנעט איז אריינגעקומען ביי אונז, הונדערטער לעבעדיגע יתומים דרייען זיך ארום, אדער פעלט אים א טאטע אדער א מאמע, וואס ער האט נישט די ליבשאפט פון די עלטערן וואס זאל אים קענען האלטן.**

**טייערע** קינדער וואס אין די יונגע יארן האבן זיי אנגעפילט די זיילן פון די תלמוד תורה'ס און ישיבות, די בתי כנסיות און בתי מדרשות, ווי געפונען זיי זיך היינט, זענען אפגעשטעכט'ן געווארן, זענען אוועק פונעם כלל ישראל. בין אולם ולמזבח, פון די וואס זענען געווען אמאל אינעם אולם, און היינט זענען זיי געשחט'ן געווארן אויפ'ן מזבח פונעם אינטערנעט, אויף דעם יבכו הכהנים משרתי ה', אויף דעם וויינען אונז. **וויפיל קישענעס ווערן נאס פון טאטעס און מאמעס פון די מצב פון זייערע קינדער. א מאמע האט געזאגט, מיין קישן איז נישט געגוג דיק, עס זאל קענען איינזאפן וויפיל טרערן איך האב אויף דעם פארגאסן.**

**אלע** רבנים ווייסן, צו זיי קומען אן די פראבלעמען, עס גייט נישט אדורך א טאג וואס עלטערן קומען נישט פרעגן א עצה, מיין קינד גייט אוועק פון אידישן וועג, ער טוט מעשים אשר לא יעשו, וואס האב איך צוטוהן, זאל איך איהם האלטן אין שטוב, וואס וועט זיין מיט מיינע איבעריגע קינדער, קען איך אים ארויסווארפן שוין יעצט, מען ווייסט זיך נישט א עצה צוגעבן.

**איזהו** חכם הרואה את הנולד, א חכם איז דער וואס זעט דעם נולד, אז מען וויל נישט וויינען שפעטער, איז יעצט די צייט בעוד מועד מאכן גדרים וסייגים. ביי זיך אין שטוב זאל זיין א הייליגע ערליכע שטוב, געגוג וואס די גאס ברענגט טומאה, אבער אונזערע שטובער זאלן זיין הייליגע שטובער.

**איך** האב געהערט אמאל טייטשן, איזהו חכם הרואה את הנולד, ער זעט דעם נולד, עס איז אינו דומה שמיעה לראיה, א זאך וואס א מענטש 'הערט' גייט אויך אריין אין די אויערן, אבער עס איז נישט די זעלבע ווי א זאך וואס ער 'זעהט' פאר די אויגן. מען ווייסט אז רייכערן ציגארעטלעך איז א סכנה פארן מענטש, א סכנה פאר זיין בריאות, ווען מען האט געהערט דערפון און עס האט נישט געמאכט קיין רושם, מענטשן האבן ווייטער אנגעהאלטן מען האט גערייכערט, איז מען געגאנגען און מען האט געלאזט ארויפשרייבן אויף יעדע פעקל

צוגארעטל, אז מען זאל וויסן דעם פעקל צוגארעטל קען מקצר ימים זיין. עס האט נאך אלץ נישט געהאלפן, איז מען לעצטענס געגאנגען מען האט אנגעהויבן ארויפצולייגן א בילד אויף די ציגרעטלעך ווי אזוי עס קוקט אויס שפעטער איינער וואס רייכערט, ווייל דאס וועט מאכן א שטערקערע רושם, עס וועט מאכן א איינדרוק, ווען מען וועט נעמען די פישקע צוגארעטל אין די הענט, מען וועט זעהן פאר זיך די בילד צו וואס עס ברענגט, וועט ער זיך צוריק האלטן און דאס נישט נעמען. - אפילו איינער וואס איז נישט זייער קלוג איז אויך הרואה את הנולד, ער ווייסט און פארשטייט אז עס קען פאסירן א אומגליק, אבער א חכם איז 'הרואה' את הנולד, עס איז ביי איהם אזוי שטארק אז ער זעהט עס פאר זיינע אויגן, דעמאלטס טוט עס איהם באוועגן ער זאל טון די ריכטיגע שריט וואס ער דארף צו טון.

**בעונותינו** הרבים דער נולד איז שוין פאר אונזערע אויגן, מען דארף אונז נישט פארציילן וואס עס קען פאסירן, עס ליגט שוין דא פאר אונז, מיר זעהן דעם נולד וואס עס האט פאסירט, הונדערטער און טויזנטער פון אונזערע ברודער'ס זענען פארווארפן געווארן אין שאול תחתית. אקומה נא ואסובבה בעיר בשווקים וברחובות, גייטס ארויס דרייטס ענק אביסל אין די גאסן אין די שווקים ורחובות, אבקשה את שאהבה נפשי, איך וואלט געוואלט טרעפן דארט וואס איך וואלט ליב געהאט צו זעהן, אבער עס איז נישט דא, בקשתיו ולא מצאתיו. וויאזוי די שווקים ורחובות וואס אונזערע קינדער דרייען זיך ארום, זאל דער אויבערשטער אפהיטן.

*

**דער** נביא איז מקונן ביים חורבן, איכה יועם זהב (איכה ד-א), די צורה פון א מענטש ווערט אנגערופן עס לייכט אזוי ווי זהב, קוקסט וויאזוי זייערע פענעמער פון די קינדער זענען איידער פארשמירט געווארן. ישנא הכתם הטוב, די שיינע צורה וואס א איד האט איז נשתנה געווארן, תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות, טייטשט רש"י, בנים המאירים כאבנים טובות, מען האט געהאט קינדער לעכטיגע אזוי ווי אבנים טובות, ווי זענען זיי, תשתפכנה אבני קודש, זיי טוען זיך ארום וואלגערן, ווי, בראש כל חוצות, אין אלע מבואות המטונפות דארטן געפונען זיי זיך.

**ווער איז שולדיג דערויף, א טייל מאל איז דאס אונזערע שטובער אליין, וואס עלטערן האבן נישט געגוג אכטונג געגעבן אויף די שטובער, נישט אריינצוברענגען א כלי וואס א קינד קען צוקומען דערצו שפעטער און נכשל ווערן. ביז ווילאנג מיר האבן נאך ריינע שטובער, הייליגע שטובער, לאמיר זיך אפשטעלן יעצט, און קוקן מיט אונזערע אויגן דעם נולד, וואס עס קען פאסירן. ווען איינער האט נישט קיין גדר אויף זיין אינטערנעט, זאל ער זיך נעמען א בילד פון די וואס דרייען זיך שוין ליידער אויף די גאסן, אדער ווען ער טרעפט אזא איינעם וואס דרייט זיך אויף די גאסן, זאל ער טראכטן וואלט איך געוואלט אז מיין קינד, מיין אייניקל, זאל אזוי אויסזעהן ווי דער וואס איך זעה דא פאר מיינע אויגן?. דאס ליגט אויף אונז דער חיוב יעצט ווילאנג אונז האבן פיינע ריינע און הייליגע שטובער, מיר דארפן זעהן אנצוהאלטן אונזער קדושה, אנצוהאלטן אז אונזערע שטובער זאלן בלייבן מיט א פעסטע רושם פון קדושה אויף שפעטער.**

**עס האט** מיר פארציילט א בחור, אז זיין פאטער האט געהאט אין שטוב א אינטערנעט אן א פילטער, און ער האט ארויפגעלייגט א פעסווארד דערויף אז די קינדער זאלן נישט קענען צוקומען. ווען די טאטע איז נישט געווען אינדערהיים, האט זיך דאס קינד געשפילט דערמיט, קינדער זענען דאך נייגעריג, און ער האט זיך געשפילט דערמיט ביז ער האט אדורך געבראכן און ער איז ארויפגעקומען וויאזוי מען קען ניצן דעם אינטערנעט. און מען דארף דאך נישט זאגן, ביז א שטיק צייט איז ער געווארן א אנדערע סארט בחור פון וואס ער איז געווען פריער. האט מיר דער בחור געזאגט נאכדעם, **מיין טאטע האט אויסגעגעבן פאר מיר עפרות**

**זהב פאר מיין חינוך, ער האט געצאלט אינגעלייט זאלן לערנען מיט מיר, אז איך זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, אבער דאס וואס ער האט מיך קאליע געמאכט מיט זיין קאמפיוטער, דאס וועל איך איהם קיינמאל נישט מוחל זיין, עס וועט קומען א צייט איך וועל אים רופן פארן בית דין של מעלה וואס ער האט געמאכט מיט מיר.** אזוי האט געזאגט די קינד אויף א טאטע. דער טאטע איז א וואוילע טאטע, ער האט געטון פארן קינד די בעסטע וואס ער קען, מיט אביסל קלות הדעת, גרינשעצונג, אן דעם וואס ער זאל משים לב זיין אז אזא כלי דארף נישט זיין אין שטוב, דיין זון איז קלוגער פון דיר, ער ווייסט בעסער ווי אזוי צוצוקומען דערצו, און מען האט נישט משים לב געווען, האט עס אזוי פאסירט.

**מיר דארפן אויף זיך נעמען היינט, ווען מיר האבן אזא סייעתא דשמיא, אז עס קומען זיך צוזאם אזא גרויסער ציבור יודען וואס זענען צמאים לדבר ה', האט יעדער ביי זיך די כוחות הנפש מקבל צו זיין מיט א ריכטיגע החלטה אז פון היינט אן וועט זיין מיין שטוב ריין פון אינטערנעט אפילו מיט א פילטער, אז מען דארף עס האבן, זאל עס זיין ערגעץ אנדערש, מיין שטוב זאל זיין א ריינע שטוב, מיין קינד זאל וויסן אז זיין טאטע האט אויף אלעם מוותר געווען אקעגן אינטערנעט, דאס בלייבט אינעם זכרון פונעם קינד, דאס וועט די קינד געדענקען לעולם ועד, און דאס וועט אים האלטן. און אז מען דארף האבן לצורך פרנסה א פילטער, דארף דאס זיין די בעסטע פילטער וואס מען קען ארייןלייגן דערין, ווי מען האט פריער געהערט.**

*

**ער** דרייט זיך ארום אין שטוב און אין בית המדרש מיט א סעלעפאן, און אזוי בעט ער פונעם אויבערשטען אלע זיינע בקשות, ווען ער האט אין טאש א כלי וואס איז מלא תועבה. **לא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, דו גייסט אזוי רעדן צום רבונו של עולם, בעטן דיינע בקשות, פרנסה און געזונט פאר די קינדער, דער אויבערשטער זאגט איך שטיי נישט אין דיינע ד' אמות, דו רעדסט צו די וואנט דו רעדסט נישט צו מיר!, ווען דו האסט אזא כלי ביי דיר אין שטוב, ביי דיר אין טאש, ווי קען איך זיצן דארט און הערן דיינע תפלות.**

**אבער** אפילו מיט א פילטער, דארף מען וויסן אז דער אינטערנעט איז נאך אלץ א געוואלדיגע סכנה, עס איז נאר א הצלה פורתא וואס מען לייגט ארויף א פילטער. **עס איז היינט דא וואס יונגעלייט שיקן זיך ארום בילדער איינער צום צווייטן, אדער א מאמר פון ניבול פה, אדער לשון הרע, אדער בזיון תלמידי חכמים, און זיי טראכטן נישט אריין פריער וואס זיי טוען, זיי זענען חוטא ומחטיא את הרבים, מיט איין דריק וואס ער געבט אויף א מעסעדזש עס זאל גיין ווייטער, איז ער מחטיא אסאך מאל הונדערטער יודען אן קיין שום תועלת, אן דעם וואס ער זאל אפילו וויסן וועם ער האט מכשיל געווען.** המחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה (אבות ה-יח), מען וועט אים נישט געבן קיין מעגליכקייט פון הימל ער זאל זיך קענען צוריק קערן צום אייבערשטן. **יעדער וואס זינדיגט, אונטער זיין מחשבה טראכט ער, איך בין טאקע אדורכגעפאלן, איך האף אבער אז איין טאג וועל איך קענען זיך צוריק קערן צום אויבערשטן, איך וואלט נישט געוואלט צוריק געבן מיין נשמה פאר'ן רבונו של עולם אזוי ווי איך זעה אויס, דער אייבערשטער וועט מיר חונן דעת זיין אמאל איך וועל זיך צוריק קערן צום אויבערשטן. אבער ווען איינער איז א מחטיא את הרבים, האט ער אפילו די האפענונג פארלוירן, מען וועט אים נישט צולאזן פון הימל אז ער זאל קענען צוריק געבן זיין נשמה פאר'ן רבונו של עולם ריין, ער וועט נישט קענען תשובה טון.** ווען א מענטש וויל עפעס מודיע זיין פאר'ן חבר, שיקן עפעס פאר איהם, זאל ער טראכטן פאר דעם אויב עס איז דא אין דעם עפעס א נדנוד פון א חטא, ער זאל צוויי מאל טראכטן בעפאר ער גייט עס טון, ער זאל נישט זיין קיין מחטיא את הרבים.

*

**עס איז** דא א חיוב תוכחה אויף יעדן איד, הוכיח תוכיח את עמיתך, דאס איז נישט געמאכט פאר קיין רבנים, דאס איז געזאגט

געווארן פאר יעדן איד, עס איז א מצוה מן התורה, אז ער זעהט ביים חבר אן עולה איז ער מחוייב אים מוכיח צו זיין. **אז ער האט א טעלעפאן און דער חבר שיקט אים עפעס דערויף א זאך וואס פאסט נישט צו שיקן, ליגט אויף אים א חיוב תוכחה, אויפצוהייבן דעם טעלעפאן צום חבר אין אים מוכיח זיין פארוואס האסטו מיר מכשיל געווען, פארוואס ביזטו מכשיל אנדערע דערמיט,** עס איז דיין חיוב תוכחה וואס די ביזט מחוייב צו זאגן.

**כל** שכן וואס איז נפרץ, וואס מען שיקט זיך ארום זאכן וואס איז פארבינדן מיט ניבול פה, איך וועל נאכזאגן די גמרא (שבת לג.), בעון נבלות הפה, זאגט די גמרא אין דעם עון, צרות רבות וגזירות קשות מתחדשות, קומען צרות און גזירות רעות, בחורי שונאי ישראל מתים, ל"ע, יתומים ואלמנות צועקים ואינם נענים. דער רבונו של עולם איז דער בעל הרחמים, שרייען יתומים און אלמנות און ווערן נישט געענטפערט, אפילו חותמין עליו גזר דין של שבעים שנה לטובה הופכין עליו לרעה, א גזר דין לטובה פון זיבעציג יאר מיט איין דריי קען מען עס מהפך זיין לרעה. רבי נחמן בר יצחק אומר אף שומע ושותק. דו נעמסט אפיר דיין טעלעפאן און דו ליינסט עס נאר, דו זאגסט גאר נישט, ביזט א שומע, דו הערסט צו, די קוקסט אויף זאכן וואס מ'דארף נישט, איז ער אויך נכלל דערין.

**דאס** איז ווען מען איז מחטיא את הרבים, לעומת זה קען א איד זיין א מזכה את הרבים, **ווען ער קומט אין בית המדרש צווישן זיינע חברים, און ער נעמט ארויס זיין סעלפאן פון טאש און עס האט א גרויסע זיגל דערויף אז דאס איז משומר, דאס איז א ערליכע טעלעפאן, מאכט ער מיט דעם אז דער חבר זאל אויך נעמען אזא סעלפאון.** און דער סוף וועט זיין, מען איז בטוח, יודען זענען א עם קדוש, עס וועט אדורכגיין א שטיק צייט עס וועט נישט זיין קיין איין היימישע שטוב וואס זאל נישט האבן קיין משומר טעלעפאן ביי זיך, מען וועט וויסן אז ווען מען האט נישט אזא טעלעפאן שליסט מען זיך אויס פונעם כלל ישראל. אבער יעצט דארף עס חיזוק, ביז ווילאנג עס איז נאך איינגעריסן ביי אונז דארף עס חיזוק, אז מען זאל ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן, מוכיח זיין איינעם דעם אנדערן, פאדערן און עס פארלאנגען, א איד דארף האבן א טעלעפאן וואס איז משומר.

*

**חז"ל** (ברכות ה.) זאגן, לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, די גמרא געבט פארשידענע עצות, יעסוק בתורה, יקרא קריאת שמע, ואם לאו יזכור לו יום המיתה שנאמר (תהלים ד-ה) ודומו סלה. איך האב געזעהן אמאל טייטשן, יזכיר לו יום המיתה, פארוואס זאגט די גמרא ער זאל געדענקען דעם 'יום' המיתה, מען דארף געדענקען די שטארבן אליין, די מיתה דארף מען געדענקען, די דין וחשבון נאך די מיתה, אבער וואס איז דא צו געדענקען אין דער 'יום' המיתה, אין דער טאג וואס ער שטארבט.

**די** פשט דערפון איז, א יוד אין די יוגענט פאלט אמאל אדורך, ער קען נישט עומד בנסיון זיין, ער ווערט נכנע אונטער זיין יצר, די תאוות הגוף זענען שולט אויף איהם, ער טוט זאכן וואס איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה, ער טוט אסאך מאל זאכן וואס איז נישט אויסגעהאלטן אפילו מענטשליך. **מען קומט אויף די עלטער און די כוחות הייבן אן נאכצולאזן, און ער שטייט אפאר שעה פאר ער דארף אוועקגיין פון דער וועלט, און ער ליגט אויפן בעט אן קיין כוחות, און ער הייבט אן צו טראכטן אויף זיין לעבן וואס איז דורכגעגאנגען, ער הייבט אן אדורכצוגיין זיינע יונגע יארן, זיינע מיטעלע יארן, זיינע שפעטערדיגע יארן, ווי אזוי האט אויסגעקוקט זיין לעבן, ווי אזוי עס איז געווען די ארבעט פלעצער, ווי אזוי עס איז געווען זיין הנהגה בין אדם לחבירו, בין אדם למקום, קוקט ער שוין דערויף יעצט מיט אנדערע אויגן. דער יצר הרע איז שוין נישט דארט, ער רעדט אים שוין נישט צו צי זינדיגן יעצט, און ער קוקט זיך אן, עס איז עולם חשוך בעדו, עס איז א פינסטערע וועלט פאר זיינע אויגן, מיט וואס איז אדורכגעגאנגען**

**מיינע יארן, מיין לעבן, ווי קוק איך יעצט אויס, ווי אזוי שטייט איך יעצט.**

**און** עס באפאלט אים א גוואלדיגע בושה, א טיפע בושה ביי זיך, און ער קען זיך באגראבן פאר בושה, וואס האב איך געטון, זיבעציג יאר אפגעלעבט אויף דער וועלט, ווי אזוי לאז איך עס איבער, אוי, ווען איך וואלט ווען געהאט שכל אין מיינע יונגע יארן, ווען איך וואלט יעצט געקענט דאס איבערגיין נאכאמאל, וואלט איך אוודאי און אוודאי זיך אנדערש אויפגעפירט ווי איך האב זיך אויפגעפירט ביז יעצט. איך גיי אוועק פון דער וועלט ליידיג, אן תורה אן מצות, זעק מיט עבירות וואס איך שלעפ מיט אויף דעם וועג ווי איך גיי, ער הייבט זיך אן צורייסן די האר פונעם קאפ וואס האב איך געטון. אבער דעמאלטס איז שוין שפעט, דעמאלטס קען מען שוין נישט מתקן זיין, נאר א הרהור תשובה פאר'ן רבונו של עולם.

**ווען** איינער וויל מרגיז זיין דעם יצר טוב, ער האט א נסיון, ער וויל שטארקן דעם יצר טוב אויפ'ן יצר הרע, יזכיר לו 'יום' המיתה, זאלסט געדענקען דעם טאג וואס דו גייסט אוועק פון די וועלט, דעם טאג וואס דו וועסט ליגן אין בעט און איבערקוקן דיין לעבן, מיט וואספארא אויגן וועסטו אליין קוקן אויף דיר אין דיין לעצטן טאג פונעם לעבן, די חרטה וואס דו וועסט האבן דעמאלטס, יעצט זאלסט עס האבן נישט דעמאלטס, דעמאלטס וועט מען זיך צוריק האלטן און מען וועט מרגיז דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע.

*

**רבותי!** די הארץ פון א איד צוגייט צו זעהן ווי אזוי טאג טעגליך פאלן פון אונז שטיקער, וואס איז נישט געווען אין די פריערדיגע יארן. עס איז נישט נאר די אינטערנעט, עס איז נישט דעם פילטער אין דעם אינטערנעט, דאס איז נאר א חלק פון דעם פראבלעם, עס איז דא א פראבלעם אין אונזערע שטובער, און דארט דארף זיך אנהייבן די עבודה. **די שטוב פון א איד דארף זיין מיט א ווארעמקייט צו יודישקייט, א ליבשאפט צו תורה ומצות, רעדן מיט די קינדער, שמועסן אין דערהיים מיט די בני בית, אין דעם שיינקייט וואס א אידישע שטוב האט. א שטוב וואס איז א ירא וחרד לדבר ה', וויפיל פראכט ליגט אין אזא שטוב, אז מען זאל דאס וועלען נאכגיין. וואספארא תענוג נפלא דאס איז, ווען א טאטע און א זיידע זעצט זיך אראפ מיט די קינדער און אייניקלעך, און ער זעהט אז אלע זענען שומרי תורה ומצות, מען קען שמועסן אין לערנען, נישטא קיין שענערע גן עדן אויף די וועלט ווי צו האבן אזא שטוב, דאס דארף מען ארויסברענגען פאר קינדער. מען דארף ארויסברענגען שטענדיג די פראכט וואס ליגט אין תורה, די ליבשאפט וואס איז דא ביי היימישע יודען איינעם צום צווייטן, די איבערגעגעבענקייט וואס איז דא ביי אונז צווישן איין יוד און דעם אנדערן, די שיינע מדות וואס איז דא אינעם כלל ישראל, זאגן פאר די קינדער דאס וועסטו נישט טרעפן אין קיין שום פלאץ אויף דער וועלט, דאס וועסטו נאר טרעפן ווען דו וועסט זיין א ערליך יודיש קינד, און דו וועסט דיך דרייען אין אונזער סביבה, דעמאלטס וועסטו דאס קענען האבן.**

**עלטערן דארפן שטענדיג ארויסווייזן א גוואלדיגע ליבשאפט פאר קינדער, די שטוב זאל זיין א רואיגע שטוב, א איינגענעמע שטוב, א שטוב וואס מען שרייט נישט, א שטוב ווי מען בייזערט זיך נישט, די לופט אינעם שטוב זאל זיין איינגענעם פאר די קינדער מער פון סיי וועלכע פלאץ אין דער וועלט. זיי זאלן ווערן אזוי מקושר צוגעבינדן צו די עלטערן און צו די שטוב, אז עס זאל זיך זיי נישט פארגליסטן איבערצולאזן אזא שטוב און אוועקגיין.** אונזער פריערדיגע דור, פאר כל הון דעלמא וואלט א קינד נישט איבערגעלאזט א טאטנ'ס שטוב, עס איז געווען אזוי באטעמ'ט צו זיצן מיט אונזערע עלטערן צוזאמען, עס איז געווען אזא ווארעמקייט, און אזא ליבשאפט איז געווען אין די שטיבער, וואס עס זאל פאסירן אבער דעם טאטענ'ס און מאמע'ס שטוב וועט ער נישט איבערלאזן. דעס ליגט אויף אונז א פליכט אריינצולייגן אסאך

ליבשאפט אין קינדער, א פרייליכע אויפגעלייגטע שטוב.

**א** גאנצע וואך איז מען דאך פארנומען, עס איז נישט דא קיין צייט ווען מען זאל דאס קענען איבערגעבן פאר די קינדער, **אבער שבת קודש איין טאג וואס איז א יום מנוחה, קינדער זענען אין דער היים, טאטע מאמע זענען אין שטוב, מען איז נישט פארטון מיט די ארבעט, מען איז נישט ביזי מיטן סעלפאון, מען איז נישט פארנומען מיט די אלע נארישקייטן, מען האט א גאנצע טאג פריי צו פארברענגען מיט די בני בית, דעמאלטס דארף עס א יוד אויסנוצן. זיצן ביי די סעודת שבת און מאריך זיין מיט זמירות שירות ותשבחות מיט די קינדער, צוגרייטן זיך א גאנצע וואך א דבר תורה מתובל במוסר און מדות טובות, און דאס פארציילן ביים טיש. איבערגעבן פאר די קינדער מעשיות פון ערליכע יודען, פון צדיקים, רעדן פון זייערע שיינע מדות און זייערע מדריגות וואס זיי האבן געהאט. ארויסווייזן א ליבשאפט פאר יעדן קינד עקסטער, פאר יעדן אייניקל עקסטער, ארויסווייזן זיין חביבות, צוציען די קינדער מיט עבותות של אהבה, ביז זיי זאלן זיך בענקען א גאנצע וואך אז דער שבת זאל אנקומען, איך זאל קענען זיצן און פארברענגען מיט מיינע עלטערן.**

**מען** דארף אריינלייגן אין די קינדער א געוואלדיגע גאוה דקדושה, א שטאלץ און צופרידנהייט אין תורה, זיך נישט צו שעמען מיט תורה ומצות, וויסן אז דאס איז אונזער פראכט, זיין צופרידן און גליקלעך אז אונז זענען א חלק פונעם כלל ישראל. חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי, הם עמדו לי בימי זקנותי (חולין כד:). די מפרשים טייטשן, 'חמין', די ווארעמקייט צו תורה, 'שמן', די תענוג פון שמירן מיט אויל דאס ווייזט אויף חביבות און תענוג אין עבודת השם, וואס עלטערן האבן געגעבן אין די יונגע יארן, דאס איז עומדת עמי לעת זקנותי, דעס בלייבט שפעטער אויף די עלטערע יארן. די מילך וואס מען האט באקומען פון די מאמע, די ווארעמקייט וואס איז דא אין שטוב, דאס באגלייט שפעטער.

**מען** האט פריער גערעדט א עקסטערן שמועס פאר די בחורים וואס געפונען זיך דא, איך וויל אויך רעדן צו זיי אפאר ווערטער, **איר זאלט וויסן אשריכם מה טוב חלקיכם, ווי גליקליך זענט עטס אז ענק זענען זוכה זיך צו געפונען א גאנצן טאג אין בית המדרש, אין ד' אמות של הלכה. עטץ ווייסט נאך יעצט נישט צו שעצן די געוואלדיגע חשיבות פון די טעג, עטץ זענטס נאך צו יונג צו פארשטיין די געוואלדיגע מתנה טובה וואס מען שטעלט פאר ענק אוועק. אבער עטץ זאלטס וויסן אז פון די אנדערע זייט, דער יצר הרע שטייט און קוקט ארויס ווי אזוי ענק אוועקצושלעפן פון עבודת ה', ער ברענגט אריין אין ענק א נייגעריקייט צו וויסן וואס זענען די כלים פון וואס מען רעדט, לאמיר עס פראבירן, לאמיר זעהן וואס דאס איז. און מען הייבט אן צו טאַפן ביים טאט'ן אין טאש צו זוכן זיין סעלפאן, מען הייבט אן אין שטוב צו זוכן וואס מען האט נישט געדארפט צו טרעפן, ער וויל זיך אביסל אויסקענען אין די כלים.**

**עטץ זאלטס וויסן דאס איז סם המות, עטס רירט צו צו א זאך וואס וועט אוועקנעמען ענקער לעבן שפעטער, שטייטס פון דערווייטנס נישט צו גיין אין די ד' אמות פון אזא כלי. ביז ווילאנג מען איז יונג, מען האט נישט די נסיונות, דארף מען מקבל זיין אויף זיך איך גיי צו די כלי אי"ה נישט צורירן. אויב עטץ ווילטס נישט אויסקוקן אזוי ווי אסאך פון ענקערע חברים וואס דרייען זיך ארום אויף די גאסן, עטץ ווילטס נישט האבן זייער צורות ווי אזוי זיי זעהן אויס, עטץ ווילטס נישט חרוב מאכן ענקער טאטע און מאמע, די שטובער פון ענקערע עלטערן, ליגט אויף ענק א פליכט זיך צו דערווייטערן דערפון, נישט צוצורירן צו אזעלכע כלים.**

**די** זעלבע איז יונגעלייט בני תורה, מען זיצט אין כוללים און מען לערנט, זיי האבן נישט קיין שום צורך פאר זייער פרנסה אז זיי זאלן דארפן האבן א אינטערנעט מיט א פילטער אין די יארן, יונגעלייט וואס האבן נישט קיין ביזנעסער פאר זיך, און מען ארבעט, וואס פאר זיי איז עס אויך נישט וויכטיג פאר די פרנסה, און פאר יעדן וואס עס איז נישט

וויכטיג, זאל וויסן אז מען דארף נישט האבן קיין שום שייכות מיט די כלים, סוף כל סוף וועט עס אים חס ושלום ברענגען צו א מצב וואס ער האט נישט געוואלט צוקומען דערצו.

**עס איז** היינט ליידער דא ווייניג בחורים בני תורה וואס זייער גאנצע עסק און מחשבה איז בקדושה, ווי מען האט פריער געהערט, אין ארץ ישראל האבן ליידער די בחורים אויסצושטייין פון גיוס, אריינצופאלן אין שאול תחתית, מען דארף דאנקען דעם אויבערשטען מיר זיצן דא ווי מען קען זיצן און לערנען מיט א רואיגקייט מיט הרחבת הדעת, און דינען דעם אייבערשטן. ווי געליבט זענט עטץ אין די אויגן פונעם רבונו של עולם, וואס ער קוקט אראפ אויף די וועלט, א טמא'נע וועלט, טרעפט ער בחורים זיצן אין בתי כנסיות ובתי מדרשות און זיי לערנען. דער רבונו של עולם טוט זיך מתעטר זיין מיט ענק, און ער טוט זיך רימען מיט ענק, געבטס אבער אכט עטץ זאלטס נישט פארלירן ענקער חשיבות. עס וועט קומען א טאג וואס דער אויבערשטער וועט ענק באצאלן א געוואלדיגע שכר פאר ענקער ארבעט, נישט נאר בעולם הבא נאר בעולם הזה, עטס וועטס קענען טוהן שיינע שידוכים, אויפשטעלן פיינע שטיבער, ערליכע שטיבער, ערליכע קינדער און דורות מבורכים. לאזט ענק נישט פארפירן יעצט ווען עטס זענטס יונג, ווען מען האט נאכנישט די נסיונות פאר זיך.

**אלע** פון אונז דארפן זיך מחזק זיין, הבא לטהר מסייעין אותו, ווען א איד וויל זיך פירן ערליך, איז דא א סיוע פונעם אויבערשטען אים צוהעלפן. אין אזא שוואך דור ווי מיר שטייען היינט, ווען מבקשי ה' זענען אזוי ווייניג, איז דא א עקסטערע סיוע פונעם אויבערשטן צוצוהעלפן פאר איינעם וואס וויל זיך מטהר זיין און נאנט ווערן צום רבונו של עולם. און כל שכן ווען די טהרה קאסט אים מסירות נפש, האט ער אוודאי סייעתא דשמיא ער זאל קענען שטייגן.

[עם הופעת **כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א** הפסיק **רבינו שליט"א** ואמר: איך וועל מפסיק זיין א מינוט פאר כבוד התורה, באגריסן דעם סקולענער רבי'ן זאל זיין געזונט לאורך ימים ושנים טובות, וואס אלע ווייסן אז ער איז געווען פון די וואס האבן ארגאניזירט מיט א יאר צוריק דעם כינוס פונעם כלל ישראל, וואס עס האט געהאט אזא אפקלאנג אין דער וועלט וואס טויזענטער און טויזענטער יודן האבן זיך צוזאם געקומען און זיי האבן גענומען אויף זיך אפצושיידן פון די כלים, וואס אלעס איז בכוחו של אותו זקן, וואס איך בין מעיד וויפיל שעה'ן ער האט אריינגעלייגט דערין, אייגענע כוחות, שוואכע כוחות, צוקומען אז מען זאל עס קענען אויספירן בפועל. און איך וויל זאגן פאר'ן סקולענער רבי'ן ער זאל זיך צוקוקן אויף די עדה קדושה וואס ער זעט פאר זיינע אויגן, דאס איז אלעס פירות און פרי פירות וואס די רבי האט געטון, דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויך אסאך כוחות און סייעתא דשמיא קענען ממשיך זיין אין דעם עבודת הקודש].

*

**דער** תנא זאגט (אבות ד-ג), אל תהי בז לכל אדם, זיי נישט מזלזל אין קיין שום מענטש, אפילו א שוואכער יוד, טו נישט גרינגשעצן א יודיש קינד, שאין לך אדם שאין לו שעה, עס איז נישט דא קיין מענטש וואס האט נישט קיין שעה. יעדער איד האט א גוטע מינוט אין זיין לעבן, וואס די מינוט קען אים טוישן זיין גאנץ לעבן, פון איין עקסטרים צו די אנדערע עקסטרים. ווען ער האט א הרהור תשובה, א גוטע מינוט, א צייט פון התעוררות ביי זיך, קען עס איבערדרייען דעם מענטש אינגאנצן לטובה. מען זאגט נאך פונעם הייליגן **רבי אברהם סלאנימער זי"ע**, האט ער געטייטשט, כרחוק מזרח ממערב הרחיק ממנו את פשעינו (תהלים קג-יב), ווען א יוד שטייט מיטן פנים צו מזרח און ער וויל איבערדרייען זיין פנים צום מערב, נעמט עס איין רגע. 'כרחוק מזרח ממערב', אזוי ווי א מענטש קען זיך אויסדרייען פון מזרח צו מערב, אזוי איז 'הרחיק ממנו את פשעינו', איז דער אויבערשטער מקבל בתשובה און ער טוט מרחק זיין אונזערע פשעים. **יעדער יוד זאל וויסן**

**אז איין גוטע מינוט וואס ער האט קען טוישן אים, זיין גאנצע שטוב, זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך. און דער גוטע מינוט קען זיין היינט נאכט, ווען מען זאל אויף זיך מקבל זיין צו פירן זיך אין די וועגן וואס חכמי ישראל האבן אונז געלערנט, רייניגן אונזערע שטובער זיי זאלן זיין הייליג, קען מען אין די מינוט זוכה זיין אז די שעה וועט אים איבערדרייען אינגאנצן לטובה.**

**די** נחת רוח וואס איז דא אויבן אין הימל היינט פון א שטוב וואס איז ריין, האט גארנישט קיין ערך, און מען קען דאס גארנישט שאצן. עס איז דא א ווארט פון **רבי משה ליב סאסובער זי"ע**, ואמרתם זבח פסח הוא לה' אשר פסח על בתי בני ישראל (שמות יב-כז). וואס די פשוט'ע פשט איז, אז דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף בתי בני ישראל, און ער האט איבערגעהיפט אויף בתי בני ישראל. טייטשט דער הייליגער **רבי משה ליב סאסובער**, דער רבונו של עולם איז אראפגעקומען אויף מצרים, א ערות הארץ, ער גייט שלאגן אלע בכורים, און ער גייט מבחין זיין בין טפה לטפה ביי א פאלק וואס זענען שטופי זמה, אין אזא מקום טומאה דארף זיך דער אויבערשטער ארום דרייען, והכיתי כל בכור, איך גיי דארט שלאגן אלע בכורים. אין די זעלבע צייט גייט דער רבונו של עולם אדורך אין מצרים, און ער קוקט אריין וואס עס טוט זיך אין די יודישע שטובער, און ער טרעפט הייליגע שטובער, שבטי י-ה עדות לישראל, יעדע שטוב איז געווען ריין הייליג, א שטוב וואס איז געווען מלא קדושה, איז געקומען א געוואלדיגע שמחה פארן רבונו של עולם, אז כביכול דער רבונו של עולם האט אנגעהויבן צו טאנצן, ער האט אנגעהויבן צו קלאטשן מיט די הענט, 'דא וואוינט א יוד', 'דא וואוינט א יוד'. אין אזא טמא'נע מצרים איז דא הייליגע יודישע שטובער, דאס איז אשר פסח, דער אויבערשטער האט געטאנצט, על בתי בני ישראל.

**ווען מיר וואוינען דא אין אזא מדינה טמאה, וואס היינט זענען אלע הייזער ליידער אנגעפילט מיט די כלים המתועבות, און צווישן זיי געפינט זיך א הייפעלע יודען וואס האבן ריינע שטובער, וואס זייערע שטובער זענען ריין און הייליג, די רבונו של עולם שטייט און פריידט זיך, און ער קלאטש מיט די הענט איך האב געטראפן נאך א ערליכע הייליגע שטוב דא אין שטאט, וויפיל שמחה איז דא ביים רבונו של עולם. ווען אונז זענען משמח דעם אויבערשטן, קען מען זיין זיכער אז די רבונו של עולם וועט אונז משמח זיין, דער אויבערשטער וועט אונז געבן מיר וועלן האבן שטיבער וואס וועלן זיין מלא ברכת ה', קינדער תלמידי חכמים יראי ה'.**

**ליידער** די צרות וואס טוט באפאלן די כלל ישראל איז אזוי גרויס, פרנסות וואס יודען דארפן האבן, געזונט, די שפיטעלער זענען ליידער פיל מיט חולי ישראל, נחת ביי די קינדער, שידוכים ביי די קינדער. אין דעם זכות וואס עס קומט זיך צוזאם אזא ציבור, און מען איז מקבל אויף זיך גדרי קדושה, והיה מחניך קדוש, זאגט די פסוק, ווען אונז האבן א הייליגע מחנה, איז ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך, דער אייבערשטער דרייט זיך ארום דארט. דער באשעפער איז ממשיך השפעות טובות. ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, ביי ערות דבר גייט אוועק דער אייבערשטער, אבער מדה טובה איז מרובה, דער אויבערשטער קוקט זיך אים אויף אונז, און ער האט אפענע אויגן פאר אונזערע צרכים. די באשעפער זאל אונז אלע בענטשן בשפע ברכה און הצלחה, מיר זאלן אלע האבן געזונטע קינדער, ערליכע קינדער. די באשעפער זאל געבן געזונט פאר גאנץ כלל ישראל, פרנסה בהרחבה פאר יעדן איינעם וואס דארף האבן, מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די הבטחה וואס וועט זיין לעתיד, ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן

## ניחום אבלים אצל משפחת הרה"ח רבי ליפא מאנן ע"ה

יום ב' פרשת קרח תשע"ג לפ"ק

**א' האבלים:** ער האט געהאלטען אז ער איז א בן גילו פון אייער פאטער.

**רבינו:** זיי זענען געבוירן אין דעם זעלבן טאג (הגה"צ **מסאמבאטהעלי זצ"ל** נולד ביום ט"ו טבת תרע"ב, והרה"ח רבי ליפא ע"ה נולד בליל ט"ז טבת תרע"ב), און אין די זעלבע געגענט (בעיר געבע הסמוך לעיר מעדיעש), און זיי האבען חתונה געהאט אויף די זעלבע שטאט (מאקאווא), און זיי זענען געווען אין די צרות צוזאמען (אין די ווינער ניישטאט).

**א' האבלים:** ער האט אויך געלערנט אלץ קינד אין מעדיעש, געבע איז געווען א קליין שטעטל, איין גאס. און מעדיעש איז געווען אביסל גרעסער, זענען זיי געגאנגען אהין לערנען.

ווען דער טאטע, דער **סאמבאטהעלי רב**, האט זיך נישט גוט געשפירט, האט ער נישט געוואלט גיין באזוכען, ער האט מורא געהאט. (דאמרינן בגמרא (נדרים לט:) המבקר חולה נוטל אחד משישים מחליו, ובבן גילו. **ובר"ן** שנולד המבקר במזלו של חולה).

**רבינו:** איר געדענקט נאך וויענער ניישטאט?

**א' האבלים:** יא. מיין מאמע איז געווען דארט אין שפיטאל, און א נורס האט געוואלט געבען א נידעל, און א צווייטע נורס האט געוויזען פון אונטען, אז מען זאל נישט לאזען. און זי האט געזאגט, אז אויב מען גייט איר וועלן געבן א נידעל, וועט זי ארויסשפרינגען פון די פענסטער.

**רבינו:** איך האב געהאט א שוועסטער, וואס איז אוועק דארט אין שפיטאל (הילדה מינדל ע"ה, נפטרה ביום י"ג שבט תש"ה, בת ג' שנים). און מען האט געגעבען א ערלויבעניש, איר צו באערדיגען, עס האט גענומען צען טאג, און נאכדעם האט מען באקומען א באשטעטיגונג פון די עס. עס. אז מען קען איר קובר זיין, און צען יודען האבען געקענט ארויסגיין צו די קבורה. זי ליגט אין די בית החיים אין די שטאט ווין, מיין טאטע האט שפעטער געשטעלט א מצבה פאר איר.

## בדינער השנתי לטובת התלמוד תורה דקהלתנו הק' במאנסי

יום ג' פרשת קרח תשע"ג לפ"ק

**עס** איז פאר מיר א גרויסע שמחה, אנטייל צו נעמען ביי די דינער פאר די תלמוד תורה דא אין מאנסי. מען האט פריער געהערט, אז עס איז פקיע שמיה פון די תלמוד תורה. דאס איבערגעגעבנקייט פון די מנהלים און פון די מלמדים צו די קינדער, שטייט אויף גאר א הויכע מדרגה. מען קוקט זיך אום אויף יעדן קינד עקסטער, זעהן וואס מען קען אים ארויפברענגען אין תורה און אין עבודת ה'. וואס דאס איז די פליכט פון די תלמוד תורה, צוצושטעלן אז אונזערע יוגנט זאל אויסוואקסען, ווי עס פאסט פארן כלל ישראל.

**עס** איז א מסיבה פאר כבוד התורה, מען איז זיך צוזאמגעקומען מחזק זיין די תלמוד תורה. וואס מען ווייסט אז דער כלל ישראל איז אזוי אויסגעשטעלט פון יששכר און זבולון, עס איז דא וואס זייער חלק איז פון די לומדי התורה, און עס איז דא די חלק פון זבולון, וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן זייער חלק אין עניני עולם, עוסק צו זיין אין עולם הזה, און דער באשעפער איז זיי מזמין, אז זיי זאלען קענען מחזיק זיין און אויפהאלטען תורה. דאס איז געווען יששכר און זבולון,ביידע זענען זיי געווען גרויס אין תורה, זבולון איז אויך געווען גרויס אין תורה, אבער יששכר איז געזעסן און געלערנט, און זבולון האט ממציא געווען, אז דער יששכר זאל קענען טוען זיין עבודת הקודש, אָן דעם וואס ער זאל ווערן געשטערט.

**די** וואך אין סוף פון די פרשה, איז די מצוה פון תרומות און מעשרות. וואס כלל ישראל האט אוועקגעגעבן פאר שבט לוי, א חלק פון זייער פארמעגן. תרומה אין לה שיעור (קידושין נח:),

אבער די חכמים האבען געגעבן א שיעור, אחד מחמשים (תרומות ד-ג). מעשר האט יעדער אוועקגעגעבן א צענטל פאר שבט לוי. און די לוים ווען זיי האבען באקומען די מעשר, האבען זיי געדארפט אראפנעמען א חלק פון זייערס, מעשר מן המעשר, און אוועקגעבן פאר די כהנים. אין פסוק שטייט (במדבר יח-כח) ונתתם ממנו את תרומת ה' לאהרן הכהן, איר זאלט געבן די תרומה צו אהרן הכהן. און די גמרא (סנהדרין צ:) שטעלט זיך דערויף, וכי אהרן לעולם קיים, צו לעבט דען אהרן הכהן אויף אייביג, אז מען זאגט אז מען זאל עס געבן פאר אהרן. און די קשיא איז נאך שטערקער, מען ווייסט אז אין מדבר איז נישט געווען קיין חיוב פון תרומות און מעשרות, נאר פון ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל (קידושין לו:). און עס איז נישט אויסגעקומען, אז אהרן זאל נעמען תרומה אפילו איינמאל בחייו. פארוואס זאגט די פסוק ונתתם ממנו וגו' לאהרן הכהן.

**די** גמרא ענטפערט, אז פון דא איז דא א רמז אויף תחיית המתים מן התורה. ווען משיח וועט קומען וועט אהרן הכהן אויפשטיין, און די יודען וועלן דעמאלטס אויך געבן תרומות און מעשרות, און מען וועט געבן די תרומה פאר אהרן הכהן. און פון דא איז א רמז צו תחיית המתים. ווייל אויב עס איז נישטא קיין תחיית המתים, קען די תורה נישט שרייבען אז מען זאל עס געבן פאר אהרן. און עס דארף אויך האבען א ביאור, פארוואס האט די תורה געשטעלט די רמז פון תחיית המתים, ביי די מצוה אז מען זאל געבן די תרומה פאר אהרן הכהן. אז אהרן הכהן וועט אויפשטיין תחיית המתים, און מען וועט אים דעמאלטס געבן תרומה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו) זאגט, אז עס איז דא א אינטערעסאנטע זאך, וואס מען זעהט ביי תרומות און מעשרות, וואס כלל ישראל האט געגעבן פאר שבט לוי. שבט לוי האט נישט געהאט קיין חלק און א נחלה בארץ. ארץ ישראל האט מען צוטיילט פאר אלע שבטים, און שבט לוי האט נישט באקומען קיין חלק און קיין נחלה אין דעם. אני חלקך ונחלתך, שטייט די וואך אין די פרשה (יח-כ), די אייבערשטער איז זייער נחלה, און יודען האבען אוועקגעגעבן תרומות און מעשרות פאר שבט לוי.

**אז** מען מאכט א חשבון ווער עס האט געהאט מער, די לויים וואס האבען באקומען תרומות און מעשרות, אדער די כלל ישראל וואס האט באקומען דעם חלק בארץ. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז לויטן חשבון קומט אויס, אז דער שבט לוי האט געהאט א סאך מער, פון וויפיל עס איז געבליבען פאר יעדן ישראל. פארוואס, ווייל אויב א מענטש האט געהאט הונדערט פונט, האט ער געדארפט אוועקגעבן דערפון צען פראצענט, צען פונט האט ער אוועקגעגעבן פארן לוי, תרומה האט ער מפריש געווען אחד מחמשים, איז נאך צוויי, האט ער פון יעדע הונדערט פונט, אוועקגעגעבן פאר שבט לוי צוועלף פונט. און ער איז געבליבן מיט אכט און אכציג. שבט לוי האט באקומען פון צוועלף שבטים, וואס צו זיי האט מען צוטיילט ארץ ישראל. האט ער באקומען פון צוועלף שבטים, פון יעדעם איינעם, צוועלף פונט פון הונדערט. קומט אויס אז שבט לוי האט געהאט, הונדערט פיר און פערציג פונט. און פאר יעדן ישראל, איז נישט געבליבן מער ווי אכט און אכציג. אזוי קומט אויס דער חשבון.

**און** דאס איז ווען מען רעכנט לויט די שבטים. אבער באמת האבען זיי אסאך מער באקומען. ווייל דער כלל ישראל איז געווען אסאך מער ווי שבט לוי. כלל ישראל איז געווען איבער זעקס הונדערט טויזנט מענטשען. און דאס איז געווען פון צוואציג יאר ביז זעכציג יאר, די אלע וואס מען האט געציילט. אינטער צוואנציג און העכער זעכציג איז נישט אריינגערעכנט. און גאנץ שבט לוי איז געווען צוויי און צוואנציג טויזענט נפשות, און עס איז געווען גערעכנט מבן חודש ולמעלה. עס איז דא א דיפערענץ פון צוואנציג יאר, אין דעם חשבון וואס מען האט געציילט, צווישן שבט לוי און דעם כלל ישראל. קומט אויס אז אויב פון א חודש אלט, איז געווען די מספר צוויי און צוואנציג טויזענט,

האט שבט לוי געהאט ביי די יארגאנג צווישן צוואנציג און זעכציג, בערך זעכצען זיבעצן טויזענט נפשות. כלל ישראל איז געווען זעקס הונדערט טויזענט, און שבט לוי איז געווען זיבעצן טויזנט נפשות. דאס מיינט אז זיי האבען באקומען דריי פאכיג מער פאר יעדן איינעם. וויל לויט די חשבון פון **חתם סופר**, קומט אויס אז מען האט באקומען הונדערט פיר און פערציג, ווען מען צוטיילט עס אויף צוועלף חלקים. אבער אז מען האט צוטיילט זיבעצן טויזענט פון שבט לוי אין זעקס הונדערט טויזענט פון צוועלף שבטים (פופציג טויזנט פאר איין שבט), איז עס כמעט דריי מאל מער. וואס איז דער יושר, אז דער ישראל וואס פלאגט זיך אויף זיין פארמעגן, איז נאר געבליבען מיט אכט און אכציג סאה. און פאר שבט לוי איז אויסגעקומען, אז זיי האבען געהאט לויט די שבטים, הונדערט פיר און פערציג. און לויט די מספר פון מענטשען, האבען זיי געהאט איבער דריי הונדערט סאה.

**די** תורה האט אונז געוואלט לערנען צוויי זאכען, איינס, שבט לוי דארף זיין רוהיג. וויל זיי זיצען און לערנען תורה, און ער קען נישט האבען קיין דאגה פון פרנסה. טאמער איז דא דאגות אויף פרנסה, קען מען נישט זיצען און לערנען. די תורה האט געוואלט, אז שבט לוי זאל טאקע נישט האבען קיין חלק ונחלה אין ארץ ישראל, אבער זייער עבודה איז מיט ישוב הדעת, מען זאל נישט זיין געשטערט, און מען זאל קענען לערנען. און דער אייבערשטער האט אונז אויך געוואלט ווייזען, מען וועט דאך פרעגן אז עס איז נישט קיין יושר, פארוואס באקומען זיי אזוי סאך, און די יודען באקומען ווייניגער. ניין, כלל ישראל באקומט נישט ווייניגער. וויל אין דעם זכות וואס די יודען האבען אוועקגעגעבן תרומות און מעשרות, אין דעם זכות זענען זיי געבענטשט געווארן. ובחנוני נא בזאת וגו׳, אם לא אפתח לכם את ארובות השמים, והריקותי לכם ברכה עד בלי די (מלאכי ג-י). ווען די יודען וואלטען נישט אוועק געגעבן אזוי סאך פאר שבט לוי, וואלט זייער ברכה אין שטוב נישט געווען אזוי. אין דעם זכות וואס זיי געבן אוועק אזוי סאך פאר שבט לוי, האבען זיי זוכה געווען צו זייער ברכה.

**ווען** מען קומט זיך צוזאם מחזיק זיין תורה, דארף א יוד וויסן, אז דער אייבערשטער שיקט די ברכה, אין דעם זכות וואס מען איז מחזיק תורה, און מען העלפט צו א תלמוד תורה, אז עס זאל קענען זיין רוהיג, אז די מלמדים זאלען וויסן אז זיי באקומען באצאלט יעדע וואך. און אויב זיי ווערן גוט באצאלט אויף זייער ארבעט, קומען זיי אין תלמוד תורה מיט יישוב הדעת, און ער זיצט און ער לערנט רוהיג מיט די קינדער, און די קאפ איז אויפן לימוד התורה. טאמער עס קומט סוף וואך, און ער באקומט נישט באצאלט, און עס גייט אדורך נאך א וואך און נאך א וואך וכדומה, ווי אזוי קען דער מלמד זיין רוהיג, און לערנען מיט די תלמידים, ווען ער ווייסט אז אין שטוב האט ער גארנישט. האט דער אייבערשטער אונז געלערנט, אז שבט לוי דארף באקומען אזוי פיל, אז ער זאל קענען זיין רוהיג און טוהן זיין עבודת ה׳. און וועגן דעם האבען זיי געהאט מער, פון דעם כלל ישראל.

*

**קען** דאך אמאל א מענטש מיינען, אז וואס ער גיט, גיט ער פון זיינס. און עס איז דאך שווער פאר א מענטש אז ער זאל נעמען א זאך וואס ער האט זיך געפלאגט, און אוועקגעבן פאר יענעם. האבען מיר דאך געלערנט אין פרקי אבות (ג-ח), תן לו משלו, שאתה ושלך שלו, וכן בדוד הוא אומר (דבה״י א כט-יד) כי ממך הכל, ומידך נתנו לך. ווען א יוד גלייבט, אז א מענטש קען גארנישט אליין פארשאפען, און אלעס וואס ער האט, איז א מתנה פונעם רבונו של עולם. ער טוט נישט מער ווי די השתדלות, און אלעס גיט אים דער אייבערשטער. און דער רבונו של עולם זאגט, איך געב דיר. און איך בעט פון דיר, געב פאר מיר צוריק כך וכך. איך בעט נישט פון דיר די גאנצע, איך בעט פון דיר אז א חלק זאלסטו מיר צוריקגעבען. גיט ער עס בתשואות חן, ער גיט עס מיט א צופרידענהייט, און ער האלט זיך נישט גרויס, מיט דעם וואס ער האט געגעבן צדקה. וויל ער ווייסט אז אלעס האט ער

באקומען פונעם רבונו של עולם, און דער רבונו של עולם האט אים געהייסען, אז ער זאל עס געבן ווייטער.

**איך** זאגט אלץ א משל, אז מען גייט אריין אין די באַנק, און מען זעהט דער וואס שטייט דארט (טעלע"ר), און ער גיט ארויס טויזנטער'ס, און מיליאנען גייען אדורך זיין האנט. ער גיט נישט קיין איין קרעכץ, ווען ער גיט ארויס אזוי סאך געלט פון זיין האנט. ער נעמט געלט, און ער צוטיילט פאר דעם, און פאר יענעם, אזוי רוהיגערהייט גיט ער עס אוועק. ווייל עס איז נישט זיינס. און אז עס איז נישט זיינס, גיט מען עס אוועק רוהיגעהייט. ווען א מענטש זאל שפירן, אז וואס ער האט, איז ער נישט מער ווי א שליח פונעם אייבערשטען, ער איז א טעלע"ר פונעם רבונו של עולם. דער רבונו של עולם האט עס איינגעלייגט ביי אים, אז ער זאל עס געבן ווייטער. האט ער נישט קיין שטאלצקייט, ווען ער גיט עס אוועק. און ער האט נישט קיין ווייטאג, אז ער האט עס אוועקגעגעבן. ווייל ער שפירט, אז ער איז א שליח פונעם אייבערשטען.

**ווען** א יוד האט געגעבן תרומות און מעשרות, און ער האט געוואוסט אז ובחנוני נא בזאת, אם לא אפתח לכם ארובות השמים, והריקותי לכם ברכה עד בלי די. האט ער אוועקגעגעבן די תרומות און מעשרות, מיט א ענווה און א שפלות רוח. ער האט זיך געפרייט, אז ער קען צוריקבאצאלען פארן רבונו של עולם, וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן.

**די** גמרא (סוטה ה.) זאגט, אז ווען איינער איז א בעל גאוה, אין עפרו ננער, שטייט ער נישט אויף קיין תחיית המתים. קומט אויס, אז דער וואס גיט תרומות און מעשרות, און ער גיט עס אויף אזא וועג, וואס ער האלט זיך שטאלץ, אז ער האט מחזיק געווען, און ער האט געגעבן. וועט אים פעלן אין תחיית המתים. האט די תורה אונז געוואלט לערנען, ונתתם ממנו את תרומת ה' לאהרן הכהן, איר זאלט אזוי געבן די תרומות און מעשרות, אז איר זאלט קענען אויפשטיין ביי תחיית המתים ווען אהרן וועט אויפשטיין, און איר זאלט זוכה זיין צו געבן פאר אהרן די תרומות און מעשרות. ווען א מענטש ווייסט, אז עס איז פונעם רבונו של עולם, און ער גיט עס נישט פון זיך. כי ממך הכל, אלעס איז פון דיר, ומידך נתנו לך, און פון דיין האנט געבן מיר עס צוריק. דער וועט זיין עפרו ננער, ער וועט אויפשטיין ביי תחיית המתים, אז ונתתם ממנו, ער וועט קענען געבן, לאהרן הכהן, פאר אהרן אליין.

**אין** דעם זכות וואס מען קומט זיך צוזאם, און מען איז מחזיק תורה, ב"ה ישראל קדושים נתבעים ונותנים, מען גיט. זאל דער אייבערשטער ממשיך זיין, און געבן השפעות טובות. און מיר זאלען אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגען צו גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

## בניחום אבלים אצל הר"ר בעריש נייהויז הי"ו
## שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר יוסף שלמה נייהויז ע"ה

יום ה' פרשת קרח תשע"ג לפ"ק

**הר"ר בעריש:** ווי אזוי איז דער מנהג, מען באגלייט די נשמה שבת, אדער נישט.

**רבינו:** אויף א זאך וואס עס האט נישט קיין מקור, איז שווער צו זאגען וואס דער מנהג איז, ווייל יעדער איינער פירט זיך אנדערש. עס איז דא וואס באגלייטען שבת, און עס איז דא וואס באגלייטען מוצאי שבת. און עס איז נישט קיין הכרח, אז מען באגלייט פון די פלאץ וואס מען זיצט שבעה. אמאל איז דאך אלעס געווען צוזאמען. מען איז געזעצען שבעה אויף די זעלבע פלאץ וואו מען איז אוועק. היינט וואס עס מאכט זיך, אז מען גייט אוועק אין שפיטאל, איז דא מענטשען וואס גייען ביז צום שפיטאל באגלייטען. - איך וויל נאר ארויסברענגען, אז עס איז נישט אזא מוסמך'דיגע מנהג. נאר עס שטייט דאך, אז די נשמה קומט דארט ווי מען איז

מתאבל, איז דא א ענין וואס מען באגלייט נאכדעם. ביי מיינע עלטערן איז אויך געווען שבת, און מען איז ארויסגעגאנגען אויפן גאס באגלייטען אביסל.

**הר"ר בעריש:** די נשמה קומט, אפילו מען איז מתאבל אויף צוויי פלעצער.

**רבינו:** לכאורה יא, אזוי ווי אליהו הנביא איז אויף אלע ברית'ן.

## בניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מוויטצען ע"ה

יום ה' פרשת קרח תשע"ג לפ"ק

**האדמו"ר מראפשיץ:** מען האט גערעדט דא, אז פאר מען שטעלט זיך דאווענען מוסף אין די ימים נוראים, זאגט מען א קאפיטל תהלים. ווייל די קדיש גייט ארויף אויף אשרי, וואס מען האט געזאגט פארדעם (עיין בשו"ע או"ח סימן תרכ"א סעיף ב', ובמשנה ברורה שם סק"י). און אזוי ווי מען איז מפסיק מיטן זאגען הנני העני ממעש, האב איך געהערט, אז דער רבי ז"ל (בעל דברי יואל מסאטמאר) פלעגט זאגען א קאפיטל תהלים.

**רבינו:** דער רבי ז"ל האט נאכאמאל איבערגעזאגט אשרי. ווען ער האט מפסיק געווען צווישן אשרי און קדיש, האט ער איבערגעזאגט אשרי. אזוי ווי עס איז א ענין צוזאגען אשרי פאר די שמונה עשרה (עיין **בערוך השלחן** או"ח סימן רל"ד סעיף א', **ובמחצית השקל** סימן א' סק"ז), האט ער עס נאכאמאל איבערגעזאגט.

**א' מהמנחמים:** וואס איז ראש השנה אנדערש פון יעדן שבת, וואס מען זאגט יהללו און ובנחה יאמר, און עס איז אויך א הפסק.

**רבינו:** דאס איז אלעס פסוקים, און אויף דעם קען מען אויך זאגען קדיש.

*

**א' האבלים:** וואס איז מיט גיין צו א חתונה, מיר האבען די וואך א שוואגער וואס מאכט חתונה. עס איז א אפטע שאלה.

**רבינו:** עס איז 'געווארען' א אפטע שאלה. איך געדענק נישט פאר דרייסיג יאר צוריק, אז עס זאל פארקומען אזא שאלה. עס איז היינט געווארן אז עס ב"ה דא זיידעס מיט עלטער זיידעס. אמאל איז עס געווען א שאלה, וואס עס איז כמעט נישט געווען שכיח.

**א' מהמנחמים:** עס האט פאסירט ביי **הרה"ג משה מנחם ווייס שליט"א** (דומ"ץ פאפא ב"פ), אז ער איז געווען אין יאר נאך זיין פאטער, און ער האט געהאט א שוואגער'ס חתונה. האט ער געפרעגט דעם **פאפא'ער רב זצ"ל** (בעל ויחי יוסף) וואס צו טון. האט ער אים געזאגט, אז ער זאל נישט עסן ביי די חתונה, און ער זאל נישט זיצען אויף א מקום קבוע. האט ער אים געפרעגט, עס איז דאך דא מוזיק, האט ער אים געזאגט, זאלסט נישט משים לב זיין צו די מוזיק.

**רבינו:** כמעט ביי אלע שמחות, זעה איך משפחה אבלים. סיי אין די שלשים, סיי אין די יאר. און עס נישט קיין נפקא מינה, צו אויף עלטערן אדער אויף אנדערע קרובים.

**א' האבלים:** שלשים איז הארבער ביי דעם, ווי אין יאר?

**רבינו:** בפשטות נישט. שלשים נעמט זיך פון דין אבלות, און די יאר נעמט זיך פון דין כיבוד אב. עס איז צוויי ערליי ענינים. **רבי משה פיינשטיין זצ"ל** אין **אגרות משה** (חלק יו"ד סימן רנ"ה) פסק'נט, אז טאמער א מאן וויל גיין צו א חתונה, און דאס ווייב איז אין יאר, מעג זי גיין צו די חתונה. ווייל אזוי ווי די אבלות איז נאר אלץ כיבוד אב, און זי איז נישט מחויב אין כיבוד אב, נאר אין כיבוד פון איר מאן. און אז איר מאן וויל אז זי זאל גיין, ליגט נישט אויף איר א חיוב, אז זי טאר נישט גיין צו א שמחה. אבער דוקא אין יאר, נישט אין די שלשים. איך וויל ארויסברענגען די חילוק צווישן די שלשים און די יאר, ווייל אויב עס איז אין דין אבלות, קען דער מאן איר נישט שטערן. אבער אויב עס איז אין דין פון כיבוד אב, איז ביי איר נישט דא קיין כיבוד אב (עיין **בשמן ראש** ח"ה דף תרעא).

**א' האבלים:** און לגבי גיין אין מקוה שבת.

**רבינו:** די וועלט גייט.

**א' האבלים:** ווען גייט מען, פארן זמן אדער נאכן זמן?

**רבינו:** עס איז נישט קיין גרויסע נפקא מינה. אויב מען טאר נישט גיין פרייטאג לכבוד שבת,

טאר מען שבת אויך נישט גיין. שבת איז עס נישט מתיר. נאר מען האט געהאלטן, אז א מקוה איז נישט קיין געהעריגע רחיצה, און לכבוד שבת האט מען מער מקיל געווען.

**א' האבלים:** מען מעג גיין שבת צופרי אויך, אדער נאר פרייטאג נאכמיטאג.

**רבינו:** די וועלט גייט שבת צופרי אויך.

**א' האבלים:** איינער האט דא נאכגעזאגט פונעם **פאפא רב זצ"ל**, דער **ויחי יוסף**, אז נאך די לויה פונעם **ויגד יעקב**, פאר מען האט מקבל געווען אבלות, איז ער געגאנגען אין מקוה.

**א' מהמנחמים:** איך וועל זאגען פון ווי די מעשה קומט, איך האב געהאט א פעטער וואס האט געהייסען זלמן פינקאוויטש. און ער האט געהאט א חבר, וואס האט געהייסען רבי שמחה בונם געווירץ, און מיין פעטער איז געווען ביי אים אין שפיטאל באזוכען. האט ער אים געזאגט, זלמן, איך וויל דיר דערציילען א זאך, וואס איך האלט עס בסוד. איך בין געווען א יונגערמאן ווען דער **ויגד יעקב** איז אוועק, איך האב שוין געהאט א קאר, און איך בין געקומען צו פארען צו די לויה. נאך די לויה האט דער **פאפא'ער רב** מיר געבעטן, איך זאל אים אראפפירען מיט די קאר, און איך האב אים אראפגעפירט מיט די קאר. און ער האט מיר געזאגט, אז איך זאל גיין שנעלער פונעם עולם, און ער האט זיך געגעבן א שטעל אפ נעבן די מקוה, און ער איז אריינגעלאפען. און ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער מיר באשוואוירען, אז ווילאנג ער לעבט, זאל איך נישט דערציילען פאר קיינעם.

**א' האבלים:** די שאלה איז, צו מען מעג עס נאכטון.

**א' מהמנחמים:** ער האט דאך געזאגט, אז מען זאל עס נישט דערציילען.

**רבינו:** און אז מען מעג עס יא דערציילען, מיינט עס נאך אלץ נישט, אז מען מעג עס נאכטון. א אדם גדול מעג טון, וואס א צווייטער טאר נישט.

**א' מהמנחמים:** און די מעשה איז שוין צוגעוואקסען, אז דער **פאפא'ער רב** איז געגאנגען אין מקוה יעדען טאג אין די שבעה.

**האדמו"ר מראפשיץ:** מיין טאטע ז"ל (כ"ק הגה"צ גאב"ד מוזשאוי זצ"ל) פלעגט זיין ביים רבי'ן ז"ל ביים סדר. איינמאל האט דער רבי געמאכט הסיבה ביי כרפס, און מיין טאטע האט אזוי געקוקט, ווייל מען טוט דאך נישט אזוי. א יאר שפעטער ערב פסח, האט רבי יוסף אשכנזי גערופען מיין טאטען אויפן טעלעפאן, און ער זאגט אים, אז דער רבי האט מיר געהייסען רופען, און ער שטייט דא נעבן טעלעפאן, אז דו זאלסט וויסן, אז מען מאכט נישט קיין הסיבה ביי כרפס. חול המועד איז מיין טאטע געגאנגען באזוכען דעם רבי'ן, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן, מען קען פארענטפערן דעם רבי'ן, עס איז דא די רא"ש, און נאך דיעות, אז מען מאכט יא הסיבה ביי כרפס. האט אים דער רבי געענטפערט, וואס מיינסטו, אז איך האב סתם אזוי געטון (עיין בזה בספר **ויגד משה** על הלכות פסח סימן י"ז אות י"ט, וכן נוהג **רבינו שליט"א** להסיב באכילת כרפס).

---

## בדינער השנתי לטובת התלמוד תורה דקהלתנו הק' בבארא פארק

יום ה' פרשת קרח תשע"ג לפ"ק

---

**איך** וויל באגריסען דעם ציבור, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען לטובת החזקת פון די תלמוד תורה. מען האט שוין פריער געהערט, און איך קען עס איבערזאגען, אז עס פקיע שמיה פון די תלמוד תורה. מלמדים איינס ביי איינס זענען ערליך, מיט אסאך עקספיריענס, און זיי געבן אריין זייער אסאך כוחות אין די קינדער, אז א יעדע כיתה זאל שטייגען, און אויסוואקסען לויט די מעגליכקייט פון די תלמידים. די מנהל וואס איז עומד בראש, לייגט אריין אסאך כוחות, צו זעהן אויפצוהייבען די תלמוד תורה. און מען זעהט ב"ה די תלמידים, וואס זענען ארויסגעקומען, אז זיי זענען שיינע פירות.

**איך** האב געוואלט רעדן אפאר ווערטער אין דעם ענין, פון די חשיבות פון החזקת התורה, וואס יודען זענען נתבעים ונותנים. מען גיט היינט אוועק אסאך געלט פאר תורה, און עס איז א געוואלדיגע זכות. און עס האט א שייכות מיט די וואך אין די פרשה. אין סוף פון די פרשה,

רעדט די תורה פונעם ענין פון תרומות און מעשרות. אז דער אייבערשטער האט בוחר געווען שבט לוי פון אלע שבטים. זיי זענען געווען די וואס זענען געזעסן און געלערנט, און געדינט דעם אייבערשטען, און זיי האבן נישט געהאט קין חלק ונחלה בארץ. נאר א יעדע שבט האט געדארפט אראפנעמען א חלק פון זייער פארמעגן, און אוועקגעבן פאר שבט לוי, אז זיי זאלען קענען עוסק זיין אין עבודת ה'.

**דער** הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע** אין **נועם אלימלך** די וואך (ד"ה וידבר ה' אל אהרן) שטעלט זיך, וואס איז דער ענין אז די פרשה פון תרומות און מעשרות, איז צוגעשטעלט אין סוף פון פרשת קרח. זאגט ער, אז משה רבינו האט זיך אפגערעדט פארן אייבערשטען, און ער האט געזאגט, לא חמור אחד מהם נשאתי (טז-טו), איך האב קיינמאל נישט גענומען פון זיי גארנישט, אפילו נישט קיין חמור, ולא הרעותי את אחד מהם. וואס איז דער ענין וואס ער האט אויסגערעכנט אז ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין חפץ פון יודען.

**זאגט** דער הייליגער **רבי ר' אלימלך**, אז א יוד איז מהנה א תלמיד חכם, און ער העלפט פאר א ערליכען יוד, אז ער זאל קענען עוסק זיין אין זיין עבודת ה'. ווערט ער מקושר צו דעם, ווען ער האט געהאלפען אין זיין עבודה. און דורך דעם וואס ער ווערט מקושר צו אים, באקומט ער א השפעה פון די קדושה וואס דער צדיק האט, אז ער זאל נישט צוקומען צו א עבירה. משה רבינו האט געזען אז קרח ועדתו, זענען צוגעקומען צו דעם חטא וואס זיי זענען צוגעקומען. האט ער גענומען די שולד אויף זיך. און ער האט געזאגט, אז דאס וואס זיי האבן געזינדיגט, און מיין קדושה האט נישט משפיע געווען אויף זיי, אז זיי זאלען נישט צוקומען צו אזא חטא. איז געווען ווייל 'לא חמור אחד מהם נשאתי', איך האב קיינמאל נישט נהנה געווען פון זיי. און אז זיי האבען מיך נישט מהנה געווען, האבן זיי נישט געקענט נהנה זיין, און האבען א שייכות צו מיין קדושה.

**זאגט** דער הייליגער **רבי ר' אלימלך**, וועגן דעם האט די תורה צוגעשטעלט אין סוף פון די פרשה פון קרח, דעם ענין פון תרומות און מעשרות, אז א יוד זאל אוועקגעבן פאר שבט לוי א חלק פון זיין פארמעגן. ווייל דורך דעם וואס ער העלפט צו פאר קדושת התורה, טוט אים דאס ביישטיין אז ער זאל נישט צוקומען צו קיין חטא.

**די** גמרא זאגט (סנהדרין צ:) מניין לתחיית המתים מן התורה, פון ווי איז דא א רמז אין די תורה אויף תחיית המתים. זאגט די גמרא אז עס איז דא א רמז די וואך אין די פרשה.ביי די מצוה פון תרומות און מעשרות, און מעשר מן המעשר, וואס די לויים האבען געדארפט אראפנעמען א מעשר פון זייער מעשר, און אוועקגעבן פאר די כהנים. שטייט אין פסוק, אז מען זאל עס געבן צו אהרן הכהן. פרעגט די גמרא, וכי אהרן לעולם קיים, לעבט דען אהרן אויף שטענדיג. זאגט די גמרא, ניין, אהרן לעבט נישט שטענדיג. נאר מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה. אהרן וועט לעתיד אויפשטיין תחיית המתים, און דעמאלטס וועט מען געבן די תרומה פאר אהרן הכהן. און עס איז א פלא, פארוואס שטייט די רמז פון תחיית המתים דוקא דא, ביי ונתתם ממנו וגו' לאהרן הכהן. אז די תורה האט געוואלט מרמז זיין, אז עס איז דא תחיית המתים, מוז עס די תורה נישט ארויס ברענגען, ווען מען זאגט אז מען זאל געבן תרומות און מעשרות פאר כהנים.

**בדרך** אגב, האב איך געזען די וואך צוברענגען א בריוו פונעם **אדר"ת**, וואס ער האט געשריבען פאר **רבי חיים בערלין זצ"ל**. דער **אדרת** האט זיך געשטעלט אויף א קשיא, אז די גמרא פארציילט (ברכות מו.) אז רבי זירא איז נישט געווען געזונט. און ווען ער איז געזונט געווארען, האט רבי אבהו געמאכט א סעודת הודאה לכבודו פון רבי זירא, און ער האט גערופען רבי זירא אז ער זאל קומען צו די סעודה. ווען עס געקומען אנצוהייבען די סעודה, האט רבי אבהו וואס ער איז געווען די בעל הבית, מכבד געווען רבי זירא דעם גאסט, אז ער זאל בוצע זיין אויף די חלה. האט אים רבי זירא געזאגט, דו ווייסט נישט פון

די מימרא, אז דער בעל הבית איז בוצע. און דו ביזט מיר מכבד, אז איך זאל בוצע זיין. האט רבי אבהו דער בעל הבית בוצע געווען אויף די חלה. נאך די סעודה, ווען עס איז געקומען צו בענטשען, האט רבי אבהו ווייטער מכבד געווען רבי זירא, אז ער זאל בענטשען. האט אים רבי זירא געפרעגט ווייטער, דו ווייסט נישט אז עס איז דא א מימרא, אז דער בוצע זאל מברך זיין. אז דער בעל הבית וואס ער איז בוצע, ער איז אויך דער מברך. אויף דעם האט ער אים געענטפערט, אז ער האט מקובל א צווייטע הלכה, אז דער אורח איז מברך, און מען דארף אוועקגעבען דאס בענטשען פארן אורח.

**האט** דער **אדרת** זיך געשטעלט און געפרעגט, אז עס שטייט אין ירושלמי (ברכות פרק ז') אז דער רבי זירא איז געווען א כהן. און א כהן איז דאך דא א חיוב פון וקדשתו (ויקרא כא-ח), אז ער דארף בענטשען (גיטין נט:). פארוואס האט ער געזאגט, אז ער איז אים מכבד, ווייל ער איז א אורח. ער וואלט געדארפט זאגען, ווייל עס איז דא א מצוה פון וקדשתו.

**האט** דער **אדרת** אויף דעם געענטפערט, און ער האט געזאגט אזוי. אז די גמרא (מגילה ז:) פארציילט, אז אמאל פורים האט זיך רבה אנגעטרינקען, און קם רבה ושחטיה לרבי זירא. און דעם אנדערן טאג האט ער געזען וואס עס האט פאסירט, האט ער מתפלל געווען אויף אים, און ער האט אים צוריק מחיה געווען. קומט דאך אויס, אז רבי זירא איז שוין געווען אוועקגעגאנגען פון די וועלט, און ער איז צוריק געבוירן געווארן. האט ער פארלוירן די קדושה פון כהונה, וואס ער האט געהאט פארדעם. און מען דארף אים מער נישט מכבד זיין. ווייל כהונה איז נאר, וואס מען נעמט איבער פון די אבות, וואס זענען געווען כהנים. און דאס איז גוט ווילאנג א מענטש לעבט דורך דעם כח פון זיינע עלטערן. אבער טאמער ער איז געשטארבען, און ער איז צוריק לעבעדיג געווארן, איז פשט אז ער איז א נייער מענטש, האט ער פארלוירען די קדושת הכהונה. אזוי האט געשריבען דער **אדרת** פאר **רבי חיים בערלין**.

**האט** אים **רבי חיים בערלין** אויף דעם צוריקגעענטפערט. עס איז מיר א געוואלדיגע פלא אויף דיר, און דו האסט מיר געברענגט לידי צחוק. ווי אזוי קען זיין אז אזא גדול ווי דו, האט פארגעסען א גמרא. וואס די גמרא זאגט ונתתם ממנו וגו' לאהרן הכהן, אז אהרן וועט אויפשטיין תחיית המתים, און מען וועט אים געבן תרומה. און דו זאגסט יעצט, אז אויב איינער איז געשטארבען, האט ער פארלוירען די קדושה פון כהונה. ווי אזוי וועט מען קענען געבן פאר אהרן. איז דאך א סימן, אז א כהן, אפילו ווען ער שטארבט און ער שטייט אויף תחיית המתים, איז ער צוריקגעגאנגען צו די כהונה וואס ער האט געהאט פון פריער. איך האב געזען, אז עס איז דא אויף דעם א לאנגע אריכות, צו עס איז יא גערעכט אדער נישט גערעכט. אבער על כל פנים עס איז דא א נקודה אין דעם, אז מען קען זיך דינגען, אז ווען איינער שטייט אויף תחיית המתים, צו ער באקומט צוריק די קדושת הכהונה, וואס ער האט געהאט פון פריער, צו נישט.

**און** לויט דעם האט די תורה געוואלט דא מגלה זיין, נישט נאר סתם אז עס איז דא תחיית המתים, ווייל אויף תחיית המתים קען מען ברענגען אנדערע ראיות אויך. אבער אז תחיית המתים געשעט אויף אזא אופן, אז ווען מען שטייט אויף, גייט מען צוריק צו די זעלבע מדריגה און מעלה וואס מען האט געהאט ביים לעבן, דאס איז א ראיה פון אהרן הכהן. אז אהרן הכהן וועט צוריקקומען נאך תחיית המתים, און מען וועט אים ווייטער געבן תרומה, אזוי ווי מען האט אים געגעבן פריער.

**לענינינו** קען זיין. מיר ווייסען, אז אלעס וואס דער רבונו של עולם גיט פאר א יוד, איז א מתנה פונעם אייבערשטען. א מענטש נעמט זיך גארנישט אליין. אלעס איז אנגעשריבען פון אויבען, סיי וואס עס איז נוגע צו זיין פערזענליכע לעבן, סיי וואס עס איז נוגע צו זיין פרנסה, און סיי וואס עס איז נוגע צו זיין פארמעגן, איז אלעס אנגעשריבען פון אויבען. עס איז נישטא קיין כוחי ועוצם ידי עשה לי את

החיל הזה (דברים ח-יז), אז ער האט אלעס פארשאפט מיט אייגענע כוחות. נאר עס איז אלעס אנגעשריבען פונעם רבונו של עולם. א יוד דארף נאר טון זיין השתדלות, און דער באשעפער טוט נאכדעם ממציא זיין, אלעס וואס ער דארף. און אזוי איז געשטאנען פאריגע וואך אין פרק (ג-ח), דער תנא זאגט, תן לו משלו, ווען דו געבסט פארן אייבערשטען, געב עס פון זיינעם. שאתה ושלך שלו, דו און אלעס וואס דו האסט, איז דעם אייבערשטען'ס. שנאמר (דבה"י א כט-יד) כי בידך הכל, ומידך נתנו לך, אלעס איז פונעם אייבערשטען. און וואס מיר געבן, געבן מיר פונעם אייבערשטען'ס פארמעגן. אז דער אייבערשטער גיט פאר א יוד פארמעגן, גיט עס דער אייבערשטער נישט פאר אים. פארוואס זאל דער אייבערשטער אים אויסקלויבען, אז ער זאל האבען מער ווי א צווייטען. פארוואס קומט זיך פאר אים, מער ווי פאר א צווייטע בריאה, וואס דער אייבערשטער האט באשאפען. נאר דער באשעפער טוט מיט אים א חסד. דער באשעפער וויל אים מזכה זיין, אז ער זאל טון חסד מיט אנדערע. גיט אים דער אייבערשטער א גרעסערע פארמעגן ווי פאר א צווייטען, כדי ער זאל קענען טון צדקה וחסד, מיט דעם געלט וואס ער האט.

**ווען** א יוד גלייבט דאס באמת, אז זיין פארמעגן איז נישט זיינס, נאר וואס ער האט, באקומט ער פונעם אייבערשטען. און ער האט עס באקומען אלץ פקדון, כדי ער זאל עס אוועקגעבען, פאר די וואס דארפען עס האבען. גיט ער עס אוועק מיטן גאנצן הארץ, בחפץ לב. און ער האט נישט מורא, אז דורך דעם וועט ער פארלירן זיין פארמעגן, ווייל עס איז נישט זיינס. דער באשעפער האט עס אים געגעבן פארדעם, און ער קען עס אים געבן נאכדעם אויך. און אז דער אייבערשטער וויל אז ער זאל פארלירען זיין פארמעגן, איז דא כמה דרכים למקום, וואס מען קען זיך נישט אויסהיטן פון דעם. און אויב ער גלייבט אין דעם, גיט ער עס אוועק מיט א שמחה. עס איז נישט זיינס, עס איז א פקדוןביי אים פונעם רבונו של עולם, און ער גיט עס אוועק, אזוי ווי דער אייבערשטער האט מצווה געווען.

**איך** זאגט אסאך מאל א ווערטל. מען גייט אריין אין א באַנק, און מען זעהט ווי דער טעלע"ר שטייט דארט, און ער גיט ארויס איבערן טאג, שווערע הונדערטער טויזנטער דאלערס. און ער גיט עס מיט אזא שמחה, מיט אזא פרייליכקייט, און ער קרעכטצט נישט בשעת ער גיט ארויס די פארמעגן, און ער מאכט נישט קיין עסק, נאך טויזנט, און נאך טויזנט, צען טויזנט. פארוואס, ווייל עס איז נישט זיינס. עס שטערט אים נישט, ווייל עס איז די באַנק'ס געלט. און די באַנק האט געהייסען ארויסגעבן, טיילט ער אויס וואס די באַנק האט געהייסען געבן. און ער פילט נישט קיין ווייטאג, אז ער האט אוועקגעגעבן זיינס.

**ווען** א יוד וואלט זיך אנגעקוקט, אז ער איז א טעלע"ר פונעם רבונו של עולם, עס איז דעם אייבערשטען'ס פארמעגן. אלעס איז דעם אייבערשטען'ס. און וואס ער גיט, גיט ער אוועק בשליחות המקום, דער אייבערשטער האט אים געגעבן, און ער דארף דאנקען דעם אייבערשטען, אז ניינציג פראצענט לאזט דער אייבערשטער ביי אים, און ער האט אים געזאגט, אז נאר צען פראצענט בעט איך אז דו זאלסט אוועקגעבן, גיט ער עס אוועק בחפץ לב. אזוי דארף זיין די צדקה וואס א יוד גיט. געבן עס מיט א שמחה, אזוי שטייט אין גמרא (ב"ב ט:) אז צדקה דארף געגעבן ווערן בפנים יפות, און אז מען גיט עס בפנים זועפות, נעמט מען אראפ פון זיין שכר. ווייל אז ער גיט עס מיט א פנים יפות, ווייזט ער, אז ער גלייבט, אז די געלט איז נישט זיינס, און עס איז פון דעם רבונו של עולם, און ער טוט דערמיט דעם רצון פונעם אייבערשטען.

**די** גמרא (סוטה ה.) זאגט אז איינער וואס איז א בעל גאוה וועט נישט אויפשטיין קיין תחיית המתים, אין עפרו ננער. נאר איינער וואס איז געווען שפל בעצמו, דער וועט אויפשטיין תחיית המתים. האט די תורה געוואלט מרמז זיין ביי די מצוה פון תרומות און מעשרות, וואס מען גיט אוועק פארן כהן און פארן לוי, פאר יעדעם איינעם זיין חלק. אז דו זאלסט עס געבן אויף אזא אופן, אז דו זאלסט זיך נישט שטאלץ האלטען,

מיט דעם וואס דו האסט געגעבן, נאר דו זאלסט עס געבן אויף אזא אופן, אז דו זאלסט וויסען אז עס איז דעם רבונו של עולם'ס, און עס קומט זיך דיר נישט קיין קרעדיט אויף דעם וואס דו האסט געטון. און אז דו וועסט עס אזוי געבן, וועסטו לעתיד לבא אויפשטיין ביי תחיית המתים, צוזאמען מיט אהרן הכהן, און דו וועסט קענען געבן תרומות און מעשרות פאר אהרן הכהן.

**טאמער** וועסטו נישט געבן דיין צדקה מיט א פרייליכקייט, אז עס איז פון דעם רבונו של עולם. נאר דו וועסט שפירען אז עס איז כוחי ועוצם ידי, אז איך געב אוועק פון מיינס, עס קומט מיר קרעדיט אויף וואס איך האב געטון. דעמאלטס וועסטו נישט זוכה זיין, אז דו זאלסט לעתיד לבא אויפשטיין תחיית המתים צוזאמען מיט אהרן, און דו זאלסט עס קענען פאר אים געבן. 'ונתתם ממנו', ווען איר גיט תרומות און מעשרות, זאלט איר עס געבן אויף אזא וועג, אז מען זאל קענען שפעטער אויפשטיין ביי תחיית המתים, און איר זאלט קענען געבן פאר 'אהרן הכהן' אויך. דאס איז די ריכטיגע וועג, ווי אזוי מען געט צדקה.

**יודען** קומען זיך צוזאם, און מען גיט אוועק פון די פארמעגן אויפצוהאלטען תורה, און ווי מען האט פריער גערעדט, מען דארף אסאך סייעתא דשמיא אין די היינטיגע צייטן, סיי מען זאל אליין זיין ערליך, און סיי מען זאל קענען מחנך זיין ערליכע יודישע דורות. ווען א יוד גיט אוועק פון זיין פארמעגן פאר דברים שבקדושה, פאר תינוקות של בית רבן וואס לערנען תורה, און ער איז מחזיק תלמידי חכמים וואס לערנען תורה, נעמט ער איבער א חלק פון זייער קדושה, וואס ווערט באשאפען דורך זיין פארמעגן וואס ער גיט, און דאס היט אים אפ שפעטער, ער זאל נישט צוקומען צו קיין חטא, אזוי ווי דער **רבי ר' אלימלך** זאגט. און אויף דעם האט משה רבינו מתאונן געווען, אז ער האט נישט גענומען פון זיי אפילו איין חמור, און דאס איז געווען די סיבה, פארוואס קרח האט נישט געהאט קיין שמירה. אז מען וויל האבען שמירה, אז מען זאל זיך קענען פירען ערליך. אין דעם זכות וואס יודען טוען פאר תורה, און מען איז מחזיק תורה, דורך דעם האט מען די קדושת התורה וואס באגלייט ווייטער.

**דער** אייבערשטער האט שוין געזאגט, ובחנוני נא בזאת אם לא אפתח לכם את ארובות השמים והרוקיתי לכם ברכה עד בלי די (מלאכי ג-י), זאל דער אייבערשטער ממשיך זיין שפע ברכה והצלחה פאר אונז אלע. און מיר אלע זאלען זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת קרח תשע"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת חקת תשע"ג לפ"ק

**ביי** די מחלוקת פון קרח שטייט, וישמע משה ויפול על פניו (טז-ד), ווען משה רבינו האט עס געהערט, איז ער געפאלען אויף זיין פנים, און ער האט מוכיח געווען קרח. עס שטייט אויבן אין פרשת צו (ויקרא ח-ג), אז דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל נעמען אהרן און מען זאל אים מושח זיין, און אָנטון די בגדי כהונה. און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל צוזאם נעמען אלע יודען אל פתח אהל מועד, יעדער זאל קומען דארט, אל פתח אהל מועד, ותקהל העדה אל פתח אהל מועד, אלע זענען געשטאנען דארט. און רש"י זאגט, אז עס געווען איינע פון די פלעצער וואו עס איז געווען מועט מחזיק את המרובה (ויק"ר י-ט), אלע ששים רבוא יודען האבען געהאט פלאץ, צו שטיין ביים פתח אהל מועד. און משה רבינו איז געגאנגען, און ער האט אנגעטון די בגדי כהונה פאר אהרן, און פאר די קינדער. און ער האט מושח געווען אהרן, מיט די קינדער, און די כלים.

**רש"י** זאגט, אז משה רבינו האט געזאגט, זה הדבר אשר צוה ה', וואס איך טו יעצט, האט דער

אייבערשטער מיר מצווה געווען. און איר זאלט נישט זאגען, אז איך טו עס לכבודי ולכבוד בית אחי, פאר מיין כבוד און מיין ברודערס כבוד, נאר איך טו עס, ווייל אזוי האט דער אייבערשטער מצווה געווען. אבער עס פעלט פון רש"י, ווייל אויב עס איז דא א חשש, אז מען וועט זאגען אז משה רבינו טוט א זאך אליין. קען דאך זיין, אז די ציווי פון זה הדבר, האט ער אויך אליין געזאגט. מיט וואס האט זיי משה רבינו געקענט איבערצייגען, אז זה הדבר אשר צוה ה', אז וואס איך טו, האט דער אייבערשטער מצווה געווען.

**מען** געפינט, ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר שמואל, אז ער זאל גיין צו ישי אין שטוב, און זאלבען איינע פון זיינע קינדער פאר א מלך. און ישי האט געהאט מערערע קינדער, און שמואל איז אדורכגעגאנגען זיינע קינדער, און ער האט געזאגט נישט דיר, נישט דיר, ביז ער איז צוגעקומען צו דוד המלך, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, קום משחהו כי זה הוא (שמואל א טז-יב), אים זאלסטו זאלבען, ווייל אים האב איך אויסגעקליבען. שטייט אין ילקוט (שמואל קכד), אז שמואל האט געמיינט קודם אויף אליאב, וואס ער איז געווען דער עלטסטער, און ער האט זייער גוט אויסגעזען, אז ער איז ראוי צו זיין א מלך. און ער האט געוואלט נעמען די שמן המשחה, און אים זאלבען. איז געגאנגען די קריגל, און עס איז אנטלאפן פון זיך אליין. אז ער האט געזען אז די קריגל גייט אוועק, האט ער פארשטאנען אז עס קומט זיך אים נישט, האט ער גערופן דעם צווייטן, און דעם דריטן, און ביי אלע איז די קריגל אוועקגעגאנגען. ווען ער איז צוגעקומען צו דוד המלך, איז די קריגל פון זיך אליין צוגעלאפן צו דוד המלך, און עס האט זיך ארויפגעגאסן פונעם שמן אויף דוד המלך. האט שמואל געוואוסט אז עס איז א סימן מן השמים, אז ער זאל זיין געזאלבט. דאס איז איין ילקוט.

**נאך** א ילקוט איז דא (תהלים רמז תשנ), אויפן פסוק (שם מה-ח) אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע עַל כֵּן מְשָׁחֲךָ אלקים אלקיך שמן ששון מחבירך, דאס גייט ארויף אויף אהרן הכהן, ווען מען האט אים געזאלבט. 'אהבת צדק', ער איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום, ער האט ליב געהאט מצדיק צו זיין את הבריות. 'ותשנא רשע', דו האסט פיינט געהאט, אז זיי זאלען זיך פירן שלעכט. 'על כן משחך אלקים', וועגן דעם האט דער אייבערשטער געזאלבט אהרן, 'שמן ששון מחבירך'. זאגט דער ילקוט, ווען מען האט געזאלבט א כהן מיט שמן, איז ער אינגאנצן געטוישט געווארן. טאמער ער איז געווען קצר, ער איז געווען א נידריגער, האט ער זיך אויסגעצויגען, און געווארן א לאנגער. טאמער ער האט געהאט טונקעלע הויט, האט ער באקומען א ווייסע קאליר. טאמער ער האט געהאט פנים רעות, ער איז געווען צוגעלייגט, האט ער באקומען א פנים שוחקות. שמן ששון מחבירך, דער שמן האט אים געמאכט ששון. קומט אויס האט דאך דער שמן המשחה פון זיך אליין געוויזן, ווער עס איז ראוי אז מען זאל אים זאלבען. ווייל טאמער ער איז נישט געווען ראוי צו זאלבען, איז דער שמן המשחה אנטלאפן, און עס איז נישט געגאנגען זאלבען. און אז מען האט געזאלבט איינעם מיט שמן המשחה, האט מען געזען אז ער איז געטוישט געווארן פון דעם וואס ער איז געווען פארדעם.

**האט** דער אייבערשטער געהייסען פאר משה רבינו, אז ער זאל צוזאם נעמען אלע יודען צוזאמען, דארט ווי מען וועט מושח זיין אהרן. און יעדער וועט זען ווי אזוי דער שמן המשחה לויפט צו אהרן, מען וועט זען ווי אזוי אהרן'ס פנים וועט זיך טוישן, נאכדעם וואס מען האט אים געזאלבט מיט די שמן המשחה. פון א פנים רעות באקומט ער א פנים שוחקות, צו פון א פנים שחורות באקומט ער א פנים לבנות. 'ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ה'', איך וועל ענק איבערצייגען, אז וואס איך האב געטון, האט דער אייבערשטער מצווה געווען.

**יעצט** האט משה רבינו געהערט ביי די מחלוקת פון קרח, אז ער האט אליין ממנה געווען אהרן, און עס איז נישט געווען פונעם אייבערשטען. און אויף דעם האט ער געזאגט, אז עס וועט קומען די בליעה, צו ווייזען כי לא מלבי, אז נישט איך

האב עס געטון. איז משה רבינו געשטאנען און זיך געחידוש'ט, ווי אזוי קען מען זאגען אז איך האב עס אליין געטון, איר זענט דאך אלע געשטאנען דארט, בשעת איך האב אים מושח געווען, און מען האט געזען, ווי אזוי די פנים פון אהרן איז נשתנה געווארן, האט איר דאך געזען אז עס איז פונעם אייבערשטען. 'וישמע משה', ווען משה רבינו האט געהערט, ווי אזוי מען רעדט זיך אפ, אז מען האט ממנה געווען אהרן, אן דעם ציווי פונעם אייבערשטען. 'ויפול על פניו' איז ער געפאלען אויפן פנים פון אהרן, קוקטס אַן די פנים פון אהרן, די פנים פון אהרן זאגט דאך, אז מען האט אים מושח געווען מן השמים.

**מען** ברענגט צו א מעשה פון **רבי הערש'לע זידיטשובער זי"ע**, אז ער האט אמאל געטראפן דעם **בני יששכר**, און ער האט אים געפרעגט, אז אין די מחזורים פלעגט זיין אויף דעם ערשטען בלאט, א בילד פון משה מיט אהרן. און אויפן בילד, איז משה רבינו געווען א הויכער, און אהרן איז געווען א נידריגער, האט **רבי הערש'לע זידיטשובער** געפרעגט דעם **בני יששכר**, צו עס האט א מקור, אז משה איז א הויכער, און אהרן איז א נידריגער. האט ער געזאגט יא, עס האט א מקור. ווייל די גמרא (נדרים לח.) זאגט אז משה רבינו איז געווען א הויכער, ווייל ער האט געקענט אויסשפרייטען דעם אהל על המשכן, איז ער געווען צען אמות הויך. און אהרן ווען ער האט געדארפט צינדען די מנורה, האט ער געדארפט האבען טרעפ ארויפצוגיין (רש"י במדבר ח-ב), איז דאך א סימן אז ער איז געווען א נידריגער. אזוי האט דער **בני יששכר** געענטפערט (מובא בספר **עשר צחצחות** מערכת ח-כג).

**דא** שטייט דאך אין ילקוט, אז טאמער מען איז געווען א נידריגער, איז ווען מען האט געזאלבט מיט שמן המשחה, איז ער געווארן א הויכער. קומט דאך אויס, אז אהרן הכהן אפילו ער איז געווען נידריג, אבער דורכן זאלבען וואלט ער געדארפט ווערן הויך. נאר, דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל מאכן די מנורה, בעפאר מען האט אים געזאלבט, און דעמאלטס איז דאך די מנורה געווען העכער פון אהרן, האט דער אייבערשטער געהייסען, אז מען צושטעלן טרעפן, אז מען זאל קענען ארויף גיין דערויף, און אנצינדען די מנורה. אבער עס קען זיין, אז נאכדעם וואס מען האט אים מושח געווען, האט זיך אהרן אויסגעצויגן, און ער האט שוין נישט געדארפט האבען טרעפן ארויף צוגיין.

**זאגט** די תורה 'ויעש כן אהרן וגו' כאשר צוה ה' את משה' (במדבר ח-ג), מגיד שבחו של אהרן שלא שינה (רש"י), אז אפילו ער האט שוין נישט געדארפט האבען יעצט די טרעפן ארויף צוגיין, פונדעסטוועגן האט ער נישט משנה געווען. אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, בהעלותך את הנרות, כאטש ער האט געקענט אזוי אויך אנצינדען די מנורה, פונדעסטוועגן איז ער ארויפגעגאנגען אויף די טרעפן, און אזוי אנגעצינדען די מנורה.

**האט** משה געזאגט פאר די בני קרח, 'ואהרן מה הוא כי תלינו עליו' (שם טז-יא), קוקט'ס אן דעם אהרן, 'מה הוא', וואס פון אים איז געווארן. וועט איר זעהן, אז מען דארף זיך נישט פארדעם קריגן, ווייל אלעס איז מן השמים. אויף 'ואהרן מה הוא', איז די נגינה דערויף, א זקף קטן. ער איז געווען א 'קטן', און 'זקף', ער האט זיך אויפגעהויבן. 'ואהרן מה הוא', קוקט'ס אן דעם אהרן, וועט איר זעהן, אז מען דארף זיך נישט קריגן מיט אים, ווייל אלעס איז מן השמים.